גליון
# באור החיים
פרשת דברים - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ב

יחנא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב לע"נ
האשה החשובה מרת יענטא בת ר' שמואל ע"ה
אשת הרה"ח ר' אלקנה מאיר סג"ל קרויס ע"ה - יארצייט ביום השבת קודש - ח' אב הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י העסקן מו"ה אלעזר ראטטענשטיין הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

### התורה נקנית למעלה מדרך הטבע

**אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן.**

הקשה בספר הק' בת עין דהיאך אפשר ששישים ריבוא ישראל שמעו יחד את קולו של משה. ומביא שם בשם חמיו, כי בעל כרחך צריך לומר כי קולו של משה היה הולך וגדל למעלה מדרך הטבע, וכמו שנאמר במתן תורה (שמות יט יט) משה ידבר והאלקים יעננו בקול, ופרש"י הק', הקב"ה מסייע לתת בו כח להיות קולו מגביר ונשמע, כן כאשר דיבר אל כל ישראל את ספר דברים, היה הקול הולך ומתגבר למעלה מדרך הטבע, כי השכינה היתה מדברת מתוך גרונו של משה.

ועל פי יסוד זה פירש חמיו זצ"ל, מה שאמר הכתוב, "בעבר הירדן", פי' באותיות שהם אחרי תיבת ירדן, אחר יוד 'כ"ף', אחר ריש 'שי"ן', אחר דלת 'ה"א', ואחר נון 'נו"ן' אחרת, והם אותיות ש'כ'נ'ה', וזהו "אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן", שהיה בכחו לדבר אל כל ישראל יחד, כיון שדיבר אליהם בכח השכינה שהיתה מדברת מתוך גרונו.

וזה בא ללמד לאדם דעת, כי כל ענין לימוד התורה ניתנה לבני ישראל למעלה מדרך הטבע, לכן אף כאשר נראה בעיני האדם, שאי אפשר לו לקבל עליו את עול התורה, ושבדרך הטבע אי אפשר לו לקיים את מצות ה', כי יש לו מניעות ועיכובים, עליו לזכור כי הקב"ה נותן לו את התורה למעלה מדרך התורה, אלא שגם האדם מצדו צריך לקבל על עצמו לקיים את התורה למעלה מטבעו ולמעלה מכחותיו, כי בני ישראל אינן נתונים תחת שלטון הטבע, ויש להם כח לעשות ענינים שהם למעלה מכחות הגוף ולמעלה מן הטבע.

(פתג"ק ויילך)

### משה רבינו ביאור התורה לבני ישראל

**בעשתי עשר חודש באחד לחודש וגו' הואיל משה באר את התורה הזאת לאמר.**

דקדקו המפרשים מהו דכתיב "לאמר" הלא מדבר הוא עכשיו לבני ישראל, א"כ למי צריך הם לומר.

ואפשר לתרץ דאיתא ברמב"ן בפרשת וארא (שמות ו' י') דכל לשון אמירה, לאמה, או אמור, פירושו דצריך לפרש ולהסביר דיבוריו, ולא יהיו דבריו במעט דברים או ברמיזה, וזהו בכל מקום שנאמר וידבר ה' אל משה לאמה, פירושו דצריך

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד לחודש אב
נתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זיעועכ"י
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**טרף, די ניצוצות הק' וואס זענען פארכאפט ביי די קליפות, נתן ליראיו, געבט דער אייבערשטער פאר די וואס דינען אים מיט יראה ואהבה, זיי זאלן עס מעלה זיין.** (שפת"ק בהר - ג')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **יוסף בעריש פעקעטע** שליט"א (מאנסי)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## משה רבינו האט קודם מרמז געווען די דברי מוסר בדרך רמז, און אזוי איז עס נתקבל געווארן ביי כלל ישראל

**אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל.**

זאגט רש"י הק', וויבאלד עס איז דברי תוכחות סתם את הדברים והזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל, זענען די מפרשים מדייק אז אין די פסוקים ווייטער רעכנט משה רבינו יא אויס זייערע חטאים בפירוש, און ער פארציילט די מעשה העגל און מעשה המרגלים באריכות, איז וואס העלפט דאס אז אנהייב פון די פסוקים דערמאנט מען עס נאר ברמז.

אין מדרש שטייט אויפ'ן פסוק אלה הדברים, זה שאמר הכתוב מוכיח אדם אחרי חן ימצא, דארף מען פארשטיין וואס די מדרש קומט דא זאגן מיט דעם ביי דעם פסוק.

קען מען עס מבאר זיין לויט ווי מען געפינט אין פרשת חוקת ביי די חטא מי מריבה, זאגן חז"ל לפי שבא לכלל כעס בא לכלל טעות, נאך שטייט אין חז"ל אז די חטא מי מריבה איז געווען דאס וואס ער האט געזאגט פאר כלל ישראל שמעו נא המורים, אז דאס איז געווען פארערכנט פאר א חטא פאר משה רבינו, אז ער האט אנגערופן די אידישע קינדער מיט אזעלכע כינויים, מורים דרבנים שוטים, און ער האט געדארפט חושש זיין על כבודן, און זיי מוכיח זיין בדרך כבוד, וואס דעמאלטס וואלט דאס מער נתקבל געווארן על הלב.

פאר דעם יעצט ווען משה רבינו איז געקומען מוכיח זיין אידישע קינדער, האט ער געוואלט מתקן זיין די ביידע זאכן, אז ער זאל נישט קומען לידי כעס, און זיי מוכיח זיין בדרך כבוד, פארדעם פאר ער איז געקומען זיי זאגן דברי תוכחה, האט ער דאס דערמאנט בדרך רמז, אויף וועלכע ענין און אויף וועלכע חטא ער וויל זיי מעורר זיין, וואס דורך דעם זאל ער זיך קענען מער מתבונן זיין אין זיינע ווערטער אויף וועלכע אופן ער זאל זיי מוכיח זיין, און ער זאל נישט קומען לידי כעס, אזוי וועט די תוכחה זיין מער בדרך כבוד, ווייל עס איז מער בדרך כבוד ווען מען דערמאנט נישט פאר א מענטש זיין חטא גלייך, נאר מען איז מקדים צו אים און אויך נאר מרמז זיין די ווערטער פאר דעם, און צוביסלעך איז מען מרחיב די דיבור, און אויף אזא אופן ווערן די ווערטער מער נתקבל על הלב.

און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון רש"י הק', לפי שהן דברי תוכחות סתם את הדברים והזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל, די פשט איז אז דורכ'ן זאגן מוסר בדרך רמז וועט ער נישט קומען לידי כעס בשעת'ן מוכיח זיין, ווייל דאס אליין איז כבודן של ישראל אז מען רעדט צו זיי בניחותא, נישט בדרך הקפדה, און אויך די עצם התוכחה איז מער בדרך כבוד, ווען מען דערמאנט עס מתחילה ברמז, און די צוויי ענינים זענען נכלל אין די ענין פון כבודן של ישראל.

און דאס איז די כוונה אין די ווערטער פון די מדרש, וואס זיי דרש'נען דא אויפ'ן פסוק, מוכיח אדם אחרי חן ימצא, די כוונה פון מדרש איז צו מפרש זיין די פסוק 'מוכיח אדם אחריו', דאס מיינט צו זאגן נאכדעם וואס ער האט שוין מקדים געווען צו מרמז זיין די ווערטער בדרך רמז, דעמאלטס איז 'חן ימצא', וועט די ווערטער טרעפן חן ביי דער וואס הערט עס.

(עבו"ע פתג"ק)

המשך מע' א

משה רבינו לפרש דיבוריו ולהסביר לבני ישראל המצוה, כמו שנתן הקב"ה הנביאה למשה רבינו, דנביאת משה היה פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות, כמו כן היה צריך לינתן לבני ישראל.

בדרך זה יכול לתרץ מה שכתוב כאן, הואיל משה באר את התורה הזאת "לאמר", דמשה רבינו היה בא לפרש התורה לבני ישראל ולבאר אותו כדי להכניס בלבם כדי להבין את התורה, וזהו דכתיב הואיל משה באה, דמשה רבינו באר את התורה לבני ישראל עד שהיה בהם בבחינת לאמר, דהיה התורה בבני ישראל בבירור דברים דכנס התורה בתוך לבם.

(שפת"ק ט"ו בשבט)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצחאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **חיים אפרים צוויבל** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### וחצירות, במחלוקותו של קרח (רש"י).

עס קען זיין א שיינע רמז פארוואס אויף די מחלוקה פון קרח נוצט די פסוק די ווארט 'וחצרות', ווייל די גמרא זאגט, אז ווען שלמה המלך האט מתקן געווען עירובין, איז ארויס געקומען א בת קול פון הימל און געזאגט "אם חכם בני ישמח לבי גם אני". לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע חכמה פון עירובין, אז עס זאל ארויסקומען אזא בת קול?

דאס קען זיין די פשט, אז מען זאגט אז די אידן האבן א כח זיך צוזאמנעמען און זיך צוזאמרעכענען אויף איין כזית ברויט. און ביי די מחלוקת פון קרח איז דאך לכאורה געווען א גרויסער פירוד הלבבות, און ער האט מבטל געווען די כוונה פון עירוב, קומט אויס אז ס'איז געווארן אפענע חצרות, אן קיין עירוב, דעריבער איז די תורה מרמז אין ווארט "חצירות" די מחלוקה פון קרח.

(חידושי הרי"ם)

### בשבעים לשון פירשה להם (רש"י).

מיט דעם וואס משה רבינו האט מסביר געווען די תורה אויף זיבעציג שפראכן, האט ער מקדים געווען די רפואה פאר די מכה, אז זיי זאלן זיך נישט דערשרעקן פון די גוים ווען זיי וועלן זיין אין גלות, ווייל זייערע שפראכן קומט אויך פון די תורה, ממילא האבן זיי נישט דעם כח צו טוהן שלעכטס פאר די אידן.

(קדושת לוי)

נאך א טעם ווערט געברענגט פארוואס משה רבינו האט ערקלערט די תורה אויף זיבעציג שפראכן, כדי ארויסצוברענגן אז אפילו אויב א איד פאלט ח"ו אריין צווישן די גוים, און וועט שוין ח"ו נאר קענען די גוי'שע שפראך, איז נאך דא א וועג אויף צוריק.

(הרה"ק מקאצק זצ"ל)

### והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי ושמעתיו.

אין ספר כתר שם טוב שטייט, אז כדי צו וויסן ביי א זאך צו עס איז אויסגעהאלטן אדער נישט, זאל מען אוועק קוקן אינגאנצן פון די אייגענע הנאה, און אזוי וועט קענען מבחין זיין בין טוב לרע.

דאס קען זיין א רמז דא אין פסוק, "והדבר אשר יקשה מכם", ווען מען וויל וויסן אויב א זאך איז אויסגעהאלטן אדער נישט, "תקרבון אלי", זאל מען עס דערנענטערן צו מיר, און נישט קוקן אויף די אייגענע הנאה, דעמאלטס "ושמעתיו", וועט מען שוין פארשטיין צי מ'מעג עס טאן.

(שפת אמת)

### ובדבר הזה אינכם מאמינים.

עס קען זיין א רמז אין פסוק אז ווער עס ליגט אין גשמיות, און ווערט נתגשם זעהט נישט די אפענע ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט די אידן. "אחינו המסו את לבבינו", מ'האט אונז אוועקגעקערט פונעם אייבערשטן, אז אפילו "ובדבר הזה אינכם מאמינים", די ריכטיגע ניסים גלוים זעהט מען אויך נישט און מען גלייבט נישט אין עס.

(נועם אלימלך)

### רב לכם סוב את ההר הזה.

מען קען מפרש זיין די פסוק, "רב לכם", אסאך כוחות דארף מען האבן, "סוב את ההר הזה", צו קענען אויסמיידן דעם גרויסן בארג - יצר הרע.

(מאור עינים)

## א מעשה אויף די פרשה

### סדר הפרשיות

עס איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגן רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע א איד וואס האט זיך זייער אפגערעדט, אז א געוויסער איד וויל אים אויסכאפן מיט זיין פרנסה, האט אים ר' מאיר'ל געזאגט אז ער זאל טוהן עפעס אנדערש, און ער וועט זיכער מצליח זיין אין די אנדערע געשעפט פרנסה אויך.

דאן האט ר' מאיר'ל אריינגעטייטשט, 'דברים', ווען דו האסט א דין ודברים מיט א צווייטן איד, 'ואתחנן', בעט דעם אייבערשטן מצליח צו זיין, 'עקב', אבער פארדעם, 'ראה', זעה צו טרעפן א נייע פרנסה, און דערנאך 'שופטים', רוף יענעם צו א דין תורה, 'תצא', גיי ארויס פון דעם געשעפט, 'תבא', גיי אריין אין א אנדערע געשעפט, 'נצבים', וועסטו גוט שטיין, 'וילך', עס וועט דיר זיין גוט, 'האזינו', אויב דו האסט פארשטאנען וואס איך זאג דיר, 'וזאת הברכה', וועט דיר זיין א ברכה.

*

### וחצירות, בשביל לשון הרע (רש"י)

ווען הרה"ק רבי אהרן מ'קארלין זי"ע איז אמאל געווען אויפ'ן וועג צופיסנס צו זיין רבי'ן הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע, האבן אים די בעלי עגלות איינגעלאדענט ארויפצוקומען אויף זייער וואגן. האט ער געהערט ווי די בעלי עגלות שמועסן ארום פארשידענע לשון הרע'ס אויף מענטשן, האט ער כסדר פרובירט צו פארדרייען די שמועס און אנגעהויבן רעדן פון פערד. ווען מ'איז אנגעקומען קיין מעזריטש, האבן אים די בעלי עגלות פארגעהאלטן, א רבי זאל רעדן פון פערד א גאנצן וועג? האט דער הייליגער ר' אהרן פון קארלין זי"ע גענטפערט, "כ'האב געזעהן ווי איר הרג'ט מענטשן מיט אייער לשון הרע, האב איך געטראכט, ענדערש זאלט איר הרג'נען פערדן ווי איידער מענטשן".

*

### יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, איז אמאל געזעצן אינאיינעם מיט זיינע תלמידים און גערעדט פון פארשידענע עבירות וואס ער איז דורכגעפאלן. די חסידים זענען געזעצן און געטראכט מיט זארג, אז אויב דער רבי אליין רעדט אויף זיך אזעלכע דיבורים, וואס זאלן שוין מיר טראכטן? אזוי איז אדורך עטליכע שעה ארומגענומען מיט הרהורי תשובה. פלוצלינג האט זיך דער רבי אנגערופן, "הלוואי זאל דער אייבערשטער העלפן מיינע אייניקלעך זאלן נישט זיין ערגער פון מיר".

ווען הגאון ר' לייבל'ע אייגר ז"ל האט איבער דערציילט די מעשה, האט ער ערקלערט, אז דאס איז פשט אין די ווערטער פון משה רבינו, נאכדעם וואס ער האט מוסר געזאגט פאר די אידישע קינדער און אויספירליך אויסגערעכענט זייערע חטאים, האט ער אבער צוגעלייגט, "יוסף ה' עליכם ככם", הלוואי זאל קיין שום איד נישט זיין ערגער פון אייך.

*

### שמוע בין אחיכם

ווען דער הייליגער רוזשינ'ער זי"ע האט בר מצוה געהאט, האט מען אים געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך געקענט שטארקן אויפ'ן יצר הרע אן די הילף פונעם יצר טוב, האט ער גענטפערט, "איך האב פאר'ן יצר הרע געגעבן צו פארשטיין, אז

המשך בע' ו

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **שמעון האלפערין** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יעקב מאיר נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## ערב תשעה באב שחל בשבת

### הלכות ווען ערב תשעה באב געפאלט אום שבת

### א
### שאלה: די הלכה איז, אז מען טאר נישט לערנען ערב תשעה באב פון נאך חצות, איז די הלכה שייך אויך ווען ערב תשעה באב געפאלט אום שבת?

**תשובה:** דער רמ"א פסק'נט אז אויך ווען ערב תשעה באב פאלט אויס שבת, טאר מען נישט לערנען נאך חצות (רמ"א סימן תקנ"ג ס"ב), טייל פוסקים האלטן, אז שבת מעג מען יא לערנען נאך חצות, פונקט אזוי ווי מען מעג עסן פלייש און טרינקען וויין א גאנץ שבת (טו"ז ועוד).

למעשה איז אנגענומען, אז נאך חצות זאל מען לערנען נאר ענינים פון תשעה באב, און ווער עס פילט אז ער וועט לערנען מער בהתמדה ווען ער וועט לערנען זיינע שיעורים, מעג לערנען (מ"ב ס"ק י', ערוה"ש ס"ד).

דער כתב סופר איז מסביר דעם טעם פארוואס מען זאל נישט לערנען נאך חצות אפילו שבת, און פלייש מעג מען יא עסן, ווייל דער איסור פון לערנען נאך חצות איז נישט צוליב די עצם לערנען, נאר ווייל דאס לערנען ברענגט שמחה פארן מענטש נאכן לערנען, דעריבער טאר מען נישט לערנען שוין פון חצות, כדי עס זאל אים נישט ברענגען שמחה שפעטער ביינאכט, קומט אויס אז דאס נישט לערנען שבת איז נישט צוליב אבילות פון יעצט, נאר צוליב אבילות פון ביינאכט, מה שאין כן עסן פלייש ברענגט שמחה נאר בשעת'ן עסן, קומט אויס אז אויב מען וועט נישט מעגן עסן וועט זיך שוין אנהייבן די אבילות אין שבת, צוליב דעם מעג מען עסן.

### ב
### שאלה: מעג מען מעביר סדרה זיין, אדער לערנען חומש רש"י שבת בייטאג נאך חצות?

**תשובה:** ווער עס האט נאך נישט מעביר סדרה געווען, מעג מעביר סדרה זיין אפילו נאך חצות, און כאטש להלכה קען מען משלים זיין דאס מעביר סדרה זיין ביז מיטוואך, פונדעסטוועגן וויבאלד דער עיקר זמן איז אין שבת, דעריבער דארף מען דאס נישט אפשטיפן אויף נאך תשעה באב (פרי מגדים סי' רפ"ה א"א ס"ק ו').

### לערנען חומש רש"י

ווער עס איז משלים יעדע וואך צו לערנען חומש און רש"י, האט דאס די זעלבע הלכה ווי מעביר סדרה זיין, אז לכתחלה זאל מען לערנען פאר חצות, און בדיעבד קען מען מקיל זיין.

### ג
### שאלה: מעג מען לערנען פרקי אבות שבת נאכמיטאג אזוי ווי יעדע וואך?

**תשובה:** דער רמ"א שרייבט אז אין דעם שבת זאל מען נישט לערנען פרקי אבות נאך חצות. צוליב דעם זענען דא אסאך לוחות וואס האבן נישט אריין געשריבן וועלכע פרק מען זאגט דעם שבת, עס זענען דא וואס זענען מתיר צו לערנען פרקי אבות, וויבאלד עס איז א לימוד וואס מען לערנט יעדן שבת (וכ"כ בערוך השלחן, ובמור וקציעה תמה על המנהג שאין אומרים פרקי אבות).

עס איז דא ווער עס איז מכריע, אז ווער עס איז מקפיד צו לערנען פרקי אבות יעדע וואך, קען מקיל זיין (עפ"י כף החיים, סימן תקנ"ג ס"ק י"ח).

אין אונזער לוח האבן מיר אריינגעשריבן וואס פאר א פרק מען לערנט די וואך [פרק שלישי], על פי הוראות רבינו הקדוש זי"ע אז מען זאגט יא פרק אין דעם שבת.

### ד
### שאלה: מעג מען לערנען חסידיש'ע ספרים אדער ספרי מוסר נאך חצות?

**תשובה:** מען מעג לערנען חסידיש'ע ספרים, וואס זענען מעורר צו תשובה און צו עבודת ה', און צו יראת שמים, אזוי אויך ספרי מוסר.

### ה
### שאלה: מעג מען זאגן תהלים שבת נאך חצות?

**תשובה:** כאטש יעדע ערב תשעה באב זענען דא וואס זענען מחמיר נישט צו זאגן תהלים ערב תשעה באב נאך חצות, אבער ווען ערב תשעה באב קומט אויס שבת קען מען זאגן.

### ו
### שאלה: מעג מען לערנען שבת נאך חצות ענינים פון תשעה באב, ווייל אז מען לערנט די זאכן זעט דאס אויס ווי אבילות בפהרסיא?

**תשובה:** מען מעג לערנען אין דעם שבת אלע זאכן וואס מען מעג לערנען אום תשעה באב, און אזוי שטייט אין מדרש אז רבי און רבי ישמעאל ברבי יוסי האבן עוסק געווען ערב תשעה באב שחל בשבת נאכמיטאג, אין מגילות קינות (מדר"ר תזריע פרשה ט"ו).

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז מען מעג לערנען אין דעם שבת, די ענינים פון תשעה באב אפילו בעיון (כף החיים ס"ק י"ז).

אבער זאכן וואס ברענגען טרויער, למשל טרויעריגע מעשיות פונעם חורבן, אדער פון די צווייטע וועלט מלחמה א.ד.ג. איז אסור צו ליינען נאך חצות, ווייל עס פארשטערט די עונג שבת (מג"א סי' ש"ז).

### ז
### שאלה: מעג מען ארויסגיין שפאצירן שבת נאך חצות?

**תשובה:** עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך, אז ערב תשעה באב טאר מען נישט גיין שפאצירן פון נאך חצות (רמ"א סוף סימן תקנ"ג), דער יוסף אומץ שרייבט: אז שפאצירן איז אסור דעם גאנצן טאג פון ערב תשעה באב, און ער שרייבט ווי פאלגענד: וויאזוי קען איינפאלן אויפן הארץ פון א אידיש קינד, אדער פון א אידישע טאכטער, צו גיין שפאצירן אין אזא טאג וואס זענען געטען געווארן פאר אונזערע עלטערן, אזעלכע גרויסע און שטארקע צרות, און ביזן היינטיגן טאג ליידן מיר נאך דערפון אין דעם ביטערן גלות (ספר יוסף אומץ אות תתע"א).

און עס איז דא ווער עס שרייבט, אז אויך ווען ערב תשעה באב פאלט אויס אום שבת זאל מען נישט גיין שפאצירן א גאנצן טאג (תוספות חיים על החיי אדם כלל קל"ו ס"ק א').

## ח
## שאלה: וויאזוי איז דער סדר פון דאווענען מנחה אין דעם שבת?

**תשובה:** מען דאווענט מנחה שבת נאכמיטאג פריער פון יעדע וואך, כדי מען זאל קענען ענדיגן צו עסן שלש סעודות פאר די שקיעה.

ביי מנחה זאגט מען נישט צדקתך, ווייבלד תשעה באב ווערט באטראכט פאר א יום טוב, און מען זאגט נישט צדקתך ווען שבת איז ערב יום טוב (שו"ע סי' תקנ"ט ס"א ובמ"ב ס"ק א'), אבער פאר מוסף זאגט מען יא אב הרחמים (מהרי"ל הלכות תשעה באב אות ט').

## ט
## שאלה: וויאזוי איז דער סדר פון פירן די סעודה פון שלש סעודות?

**תשובה:** די וואס עסן געווענדליך שלש סעודות ביחידות, ווי למשל פרויען א.ד.ג., דארפן אויך דעם שבת עסן ביחידות. אבער די וואס עסן געווענדליך שלש סעודות אין בית המדרש ברבים, עסן דעם שבת אויך ברבים, און אויב זיי עסן אינדערהיים טארן זיי נישט זאגן אז דאס איז צוליב אבילות (מג"א סימן תקנ"ד ס"ק י"ד בשם הרוקח, וביד אפרים שם).

מען מעג עסן אפילו מערערע מאכלים, אזוי אויך פלייש, און טרינקען וויין, אפילו ווער עס עסט דאס נישט יעדע וואך.

כאטש ביי יעדע סעודה המפסקת איז דער מנהג אז מען עסט נישט קיין פיש, פונדעסטוועגן ביי שלש סעודות עסט מען פיש.

### מילכיגס

עס זענען דא וואס פירן זיך צו עסן מילכיגס ביי שלש סעודות, און אזוי האט זיך געפירט רביה"ק מ'קאמארנא זי"ע (מנהגי קאמארנא אות שע"ו), דער הייליגער ראפשיצער זי"ע שרייבט דעם טעם ווייל מילכיג איז מרמז אויף המתקת הדינים (זרע קודש פרשת דברים ד"ה הוי).

פארשטייט זיך אז מען דארף אכטונג געבן, אז עס זאל דורך גיין זעקס שעה פונעם ענדיגן צו עסן פלייש, ביז ווען מען הייבט אן די מילכיגע סעודה (דגול מרבבה יו"ד סימן פ"ט בש"ך ס"ק ג').

### געקאכטע אייער

מען עסט נישט ביי די סעודה א געקאכטע איי אלץ זכר לאבילות, ווייל מען טאר נישט ארויס ווייזן אבילות אום שבת, אבער אויב די כוונה איז זיך צו זעטיגן מעג מען.

## י
## שאלה: ביז ווען מעג מען עסן?

**תשובה:** מען דארף ענדיגן צו עסן די סעודה שלישית פאר די שקיעה [קרית טאהש: 8:22].

עס איז גלייך מען זאל דאס צו וויסן טאן פאר די בני בית, אז זיי זאלן נישט בטעות עסן נאך די שקיעה (מ"ב ס"ק כ"ד).

דער מנהג ביי חסידים איז, אז מען פירט שלש סעודות ברבים, און מען ענדיגט צו עסן ביי די שקיעה, און נאך די שקיעה זינגט מען די זמירות, און מען בענטשט פארן זמן.

דער ליקוטי מהרי"ח שרייבט: אז הגה"ק אריה דבי עילאי זי"ע האט אמאל אין א שבת שחל בו ערב תשעה באב געפירט שלש סעודות ברבים, אין ווען עס איז געקומען בין השמשות האט דער עולם געשמועסט צווישן זיך, צי מען מעג נאך ממשיך זיין מיט די שלש סעודות, האט זיך דער אריה דבי עילאי אנגערופן: רבש"ע וואס טוען מיר דען, מען עסט נישט, און מען טרינקט נישט, נאר וואס דען, מיר קענען זיך נישט געזעגענען פונעם הייליגן שבת (ליקוטי מהרי"ח ט' באב).

דער הייליגער ראפשיצער זי"ע פלעגט לאנג מאריך זיין מיט די זמירות אין אזא יאר וואס תשעה באב געפאלט זונטאג, און ער האט געזאגט: שבת איז ביי אונז זייער א חשוב'ער גאסט, לאמיר אים אויפהאלטן ביי אונז ווי מער, אבער תשעה באב דו ביסט בכלל נישט קיין געווינטשענע גאסט, הלואי וואלסטו בכלל נישט געקומען, ווארט אביסל און מיר וועלן מכבד זיין דעם שבת מיט זינגען זמירות ווי מער (אהל נפתלי אות שמ"ח).

### עסן נאכן בענטשן

כאטש ווען תשעה באב געפאלט אינדערוואכן, דארף מען זיך לכתחלה אויסנעמען אז מען וויל נאך עסן נאכן בענטשן, אבער שבת ווען איינער בענטשט פאר די שקיעה, דארף זיך נישט אויסנעמען פארן בענטשן, ווייבלד שבת טאר מען נישט פאסטן, איז מסתמא די כוונה פונעם מענטש, אז ער איז נישט מקבל תענית ביז די שקיעה (שערי ציון ס"ק ז).


חברה קדישא דקהל אור החיים
רחוב בית הלוי
קרית טאהש יצ"ו

La Communaute Juive de Boisbriand
2 Ave Beth Halevy Boisbriand, Quebec, J7E 4H4
430-6380 430-6381

בס"ד, ה' פרשת דברים תשפ"ה

זמנים פאר נשים ביים ציון הקדוש

חשוב'ע נשים צדקניות
כדי צו היטן אויף די גדרי צניעות, איז באשטימט געווארן
ספעציעלע זמנים פאר די חשובע נשים מתפלל צו זיין ביים ציון הקדוש
ווי פאלגענד:

מיטוואך ראה, כ"ו אב
פון 10:00 ביז 5:30 נאכמיטאג

וועט זיין ערלויבט 'בלויז פאר נשים'
צו זיין ביים בית החיים
און מענער וועלן נישט אריינגעלאזט ווערן אינעם גאנצן ביה"ח

פון מיטוואך נאך 5:30 זענען פרויען נישט ערלויבט ארויפצוקומען צום שטח הביה"ח

דעם גאנצן יום ההילולא אנגעהויבן פון מיטוואך 6:30 אווענט
ביז פרייטאג 9:00 אינדערפרי
וועלן 'בלויז מענער' קענען ארויפקומען צום ציון.

די חשובע **פרויען** זאלן היטן די ספעציעלע אויבנדערמאנטע **זמנים**
און די חשובע **מענער** זאלן בשום אופן נישט גיין אין די **פרויען זמנים**

געדענקט אנצוהאלטן די גדרי הקדושה, ווי עס פארלאנגט זיך ביי אזא מקום קדוש, ובפרט איבערדעקן דעם קאפ, און נישט גיין מיט קיין דורכזיכטיגע שטרימפ ח"ו, און נישט ארויסנעמען קיין סמארטפאון.

בזכותו הגדול פון הייליגן רבי'ן זי"ע זאלן די אלע תפילות נתקבל ווערן לרצון
און יעדער זאל אויס'פועל'ן אלעס גוטס.

חברה קדישא דקהל אור החיים ד'טאהש

## אפרוימען די טיש

מען טאר נישט אפרוימען דעם טיש נאך שלש סעודות, ביז צום זמן פון מוצאי שבת, אבער גלייך נאכן זמן זאל מען אפרוימען, אבער נישט וואשן די כלים א.ד.ג.

## יא
## שאלה: מעג מען נעמען שבת טאבלעטן [קלי צום] כדי צו פארגרינגערן דאס פאסטן?

**תשובה:** אויב עס איז וויכטיג, זאל מען דאס אויסמישן אין א מאכל, ווי קאמפאט א.ד.ג., אדער אין א געטראנק, בעסער איז מען זאל דאס שוין אויסמישן פון ערב שבת, אויב מען האט דאס נישט אויסגעמישט, קען מען מקיל זיין דאס אויסצומישן אום שבת (קובץ מבית לוי פסקי הגר"ש וואזנער זצ"ל, בין המצרים עמוד מ"ג).

בשעת הדחק אז מען קען דאס נישט טון, קען מען עס נעמען געהעריג, אבער מען זאל נישט זאגן אז מען נעמט דאס אז מען זאל קענען פאסטן.

## יב
## שאלה: וואס טוט מען צווישן די שקיעה און צאת הכוכבים?

**תשובה:** כאטש אין א יאר וואס תשעה באב געפאלט אינדערוואכן, הייבן זיך אן אלע הלכות פון תשעה באב ביי די שקיעה, אבער דאס יאר וואס תשעה באב געפאלט זונטאג, הייבן זיך אן אלע הלכות הערשט ווען עס ווערט נאכט, אויסער דער איסור פון עסן און טרינקען.

דעריבער טאר מען נישט טוישן די בגדי שבת, און אויסטאן די שיך, און זיצן אויף א נידעריג פלאץ, נאר הערשט ביים זמן פון מוצאי שבת נאכן זאגן "ברוך המבדיל בין קודש לחול".

באמערקונג

מען דארף צו וויסן אז מען טאר נישט אנגרייטן שבת אפילו נאך די שקיעה קיין שום זאך פאר תשעה באב, ווי למשל: זיך איבער טוהן די וואכעדיגע קליידער, אנגרייטן די פאפאטשן - סניקערס, אדער די תשעה באב בענקל, אזוי אויך טאר מען נישט אנגרייטן די קינות, אדער טראגן אין שול, אויסער אויב מען לערנט אין דעם.

## יג
## שאלה: וואס דארף מען טוהן ווען עס ווערט די זמן פון מוצאי שבת?

**תשובה:** תיכף נאכן זמן פון מוצאי שבת ד.מ. ביים צאת הכוכבים [קרית טאהש: 9:33], זאגט מען "ברוך המבדיל בין קודש לחול", און מען טוט זיך אויס די שיך, און מען טוט זיך איבער די וואכע'דיגע בגדים, אויך לייגט מען אוועק די זילבערנע כלים און די שבת'דיגע טישטיכער פון טיש.

אויך דארף מען דערמאנען אינדערהיים, און מחנך זיין די גרעסערע קינדער, צו זאגן ברוך המבדיל, פאר מען טוט זיך איבער, און פאר מען מאכט סיי וואס פאר א מלאכה.

**ויהי רצון שיתהפכו ימים אלו לששון ולשמחה.**

המשך מע' ג

מ'טאר נישט אויסהערן איין בעל דין פאר דער צווייטער שטייט אויך דארט, דעריבער האב איך נישט צוגעהערט דעם יצר הרע פאר דער יצר טוב קומט אריין".

*

דער בן איש חי ברענגט אז איינמאל האט א איד מיט א גוי געהאט א דין תורה ביי זיין זיידע, דער גוי האט פארלאנגט געלט פונעם איד, און דער איד האט עס געלייקענט, און איז אפילו געווען גרייט צו שווערן. ווען דער דיין האט אויסגעהערט זייערע רייד, האט ער פארשטאנען, אז דער איד איז נישט גערעכט, און די שבועה וואס ער וויל שווערן איז פאלש.

האט ער געבעטן רשות ארויסצוגיין אויף א מינוט, און איז גלייך ארויף אין עזרת נשים, און זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. הערט ער ווי דער גוי זאגט פאר'ן איד, ווי קענסטו שווערן אזא פאלשע שבועה? ענטפערט דער איד, וואס זאל איך טאן? כ'האב נישט קיין ברירה, ווייל געלט צו באצאלן האב איך נישט. ווי נאר דער דיין האט דאס דערהערט, איז ער גלייך אראפ צו זיי און געהייסן דעם איד באצאלן, און אים צוגעגעבן א פארציע מוסר. מיט דעם האט דער בן איש חי' געטייטשט "שמוע בין אחיכם" - הערט אייך אונטער צווישן זיי, און דורך דעם וועט זיין, "ושפטתם צדק".

*

### לא תכירו פנים במשפט

הרה"ק ר' שמואל שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע, האט פארמאגט א ספעציעלן מלבוש וואס דאס האט ער גענוצט נאר ביים פירן א דין תורה, ער האט דאס געשטעלט העכער זיין פנים, כדי נישט צו קענען קוקן אויפ'ן בעל דין.

איינמאל ביי א דין תורה האט זיך איינער פון די בעלי דינים אנגערופן, אפשר גיבט דער רבי א קוק אויף מיר, ווייל חז"ל זאגן אז א תלמיד חכם איז א מבין מיט זיין טביעת עין, און דער רב וועט שוין זיין א מבין מיט זיין בליק.

רבי שמעלקא האט אים געענטפערט, "איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געקוקט אויפ'ן פנים פון א בעל דין, מקיים צו זיין דעם פסוק לא תכירו פנים במשפט, ווייל אז מ'קוקט אויף דעם פנים פון א בעל דין, איז דאס אליין א שטיקל שוחד".

*

נאך ווערט דערציילט אז ביי ר' שמעלקא איז געהאנגען אין זיין בית דין שטיבל אויף די וואנט א שטעקן מיט א קליין זעקל. ווען די פרנסי הקהל האבן געפרעגט א הסבר דערויף, האט ער זיי געזאגט, אזוי ווי ביי מיר איז נישט דא אזא זאך אז איך זאל פסק'נען א דין תורה מיט די מינדערסטע פאלשקייט ח"ו, איז טאמער מאכט זיך א דין תורה, און איך וועל וועגן דעם אמת'ן פסק דין פארלירן מיין רבנות פאסטן, בין איך אויף דעם אויך גרייט. דעריבער האב איך שטענדיג אנגעגרייט דעם שטעקן מיט'ן זעקל.

*

### וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה

הרה"ק ר' יודא צבי מ'ראזלא זי"ע, איז אמאל געזיצן ביי זיין שווער דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, און דער שווער האט געקרעכצט און געזיפצט. האט איהם זיין איידעם געפרעגט פארוואס ער טרויערט אזוי? האט ער געענטפערט, "קוק ווי אזוי די דורות גייען נידריגער און נידריגער, צו ווען וועט משיח קומען?" נאכדעם האט ער געזאגט, "דער פסוק זאגט 'וטפכם אשר אמרתם לבז יהי', ובניכם אשר לא ידעו היום טוב ורע', די שפעטערדיגע דורות וואס וועלן שוין נישט וויסן קיין חילוק צווישן שלעכט'ס און גוט'ס, אלעס וועט ליידער זיין דאס זעלבע, 'המה יבאו שמה ולהם אתננה', אט צו די וועט משיח קומען".

# מאור התורה
ציצים ופרחים על עניני הפרשה

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה יודא יואל ניימאן הי"ו (ודמסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## לא תגורו מפני איש

הרה"ק מ'בוטשאטש זי"ע איז שוין יונגערהייט געווען מפורסם אלץ א גרויסע גאון און צדיק, און ווען די קהלה אין בוטשאטש האט געזוכט א רב האט מען געוואלט אויפנעמען דעם יונגען גאון, און אלע ראשי ונכבדי הקהלה האבן מסכים געווען צו דעם, און מען האט אים געשריבן א כתב הכתרה, אויסער איינער האט נישט מסכים געווען אונטערצושרייבן, דאס איז געווען ר' אבא די ראש הקהלה וואס איז אויך געווען א גרויסער ערליכע איד, און ער איז אויך נישט געגאנגען צו די גרויסע קבלת פנים פאר די נייעם רב, אפילו אלע חשוב'ע און עלטערע אידן זענען דארט געווען, וויבאלד ער האט גע'טענה'ט אז וויאזוי קען מען אויפנעמען א רב פון אזא גרויסע שטאט ווען ער איז נאך אזוי יונג, ווער זאגט אז ער וועט דאס קענען ריכטיג פירן.

נאך אפאר טעג האט די ראש הקהל ר' אבא געשיקט זיין משמש צום בוטשאטשער רב אז ער זאל זיך אפרעדן פאר די רב אויף די ראש הקהל, און ער זאל זאגן פאר די רב אז ער וויל רופן די ראש הקהל צו א דין תורה.

פארשטייט זיך אז די רב האט געטון וואס ער האט צוטון אן קיין פשרות, און ער האט געשיקט רופן די ראש הקהל צו א דין תורה, און די ראש הקהל האט נישט געוואלט קומען, נאר ער האט צוריק געשיקט זאגן אז איך קען נאך אזוי גוט לערנען ווי די נייע רב, און ער האט זיך נישט וואס אריינצומישן אין מיינע געשעפטן.

די רב האט זיך נישט דערשראקן, כאטש וואס ער איז די ראש הקהל פון שטאט, נאר ער האט נאכאמאל געשיקט רופן די ראש הקהל, און ער האט אים געזאגט אז אויב ער וועט נישט קומען וועט ער לייגן א חרם אויף אים, ווען די ראש הקהל האט געהערט אז די רב האט נישט מורא פון אים, נאר ער טוט וואס א רב דארף טון, איז ער געקומען צום רב און אים געקישט אין שטערן, און געזאגט אז יעצט איז ער גרייט צו אונטערשרייבן אויף די כתב הכתרה.

און ווען די רב האט אים געפרעגט פארוואס ער איז נישט געקומען גלייך ווען ער האט אים גערופן, האט ער אים מסביר געווען אז באמת האט ער נישט קיין שום דין ודברים מיט זיין משמש, נאר ער האט געוואלט אויס-פרובירן צו די רב איז טאקע ראוי צו פירן די שטאט, און יעצט זעהט ער אז ער איז ראוי און ער איז געקומען אונטערשרייבן אויף די כתב הכתרה.

*

הרה"ק ר' שלום מ'שאץ זי"ע האט פארציילט אז ווען מען האט געוואלט אויפנעמען הר"ר יואל אשכנזי פאר רב אין טאלטשווא, האט מען געשיקט בעטן אן הסכמה פון הרה"ק ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע, און ר' מאיר האט אויפגעהאלטן זיין הסכמה א לאנגע צייט, און נאך א שטיק צייט האט ער צוריק געשיקט אן הסכמה, און ר' מאיר'ל האט זיך פארענטפערט פאר'ן אויפהאלטן זיין בריוו, ווייל ער האט געוואלט זעהן ווי שטארק זייער רב איז נזהר אין לא תגורו מפני איש, און יעצט ווען ער זעהט אז ער איז שטארק אין די לאו, קען ער יעצט שרייבן א הסכמה. ומעשה שהיה כך היה.

רבי יואל האט געהאט געפירט א דין תורה, און איינער פון די צוויי צדדים איז געווען א קרוב צו ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן און יענער האט מסרב געווען צו קומען אין דין תורה, און מיט דעם אלעם האט ער געשריבן א סירוב קעגן דעם איד. און ר' מאיר'ל האט צוגעלייגט אז ס'שטייט אין פסוק אין פרשת וארא, "וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה'", איז רש"י מפרש "דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה", האט ר' מאיר'ל מפרש געווען, אז בעפאר די רבוש"ע האט געשטעלט משה רבינו צו פירן כלל ישראל האט ער אים געוואלט אויספרובירן, האט ער אים געזאגט די ציווי פון לא תגורו מפני איש, און די אייבערשטער האט געוואלט זעהן צו ער האלט איין די לאו אויך כלפי שמיא כביכול, וועגן דעם האט דער אייבערשטער דעמאלטס שטערקער געמאכט די קישוי השיעבוד אויף די אידן, און משה רבינו האט זיך טאקע נישט צוריק געהאלטן פון פרעגן דעם אייבערשטן "למה הרעותה", דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזעהן אז משה רבינו איז טאקע ראוי צו זיין די מנהיג הדור, וועגן דעם זאגט רש"י "דבר אתו משפט" דבר איז א לשון הנהגה "על שהקשה למה הרעות" אז די אייבערשטער האט אים געמאכט מנהיג וועגן ער האט געפרעגט למה הרעותה.

*

אין געוויסע פעלער האבן צדיקים געדארפט זאגן פארקערט, אזוי ווי עס איז געווען ביי הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע, אז איינער איז אמאל געקומען צו אים, און געזאגט אז ער האט טענות אויפ'ן אייבערשטן און ער וויל פירן מיט אים א דין תורה, האט אים בעלזא רב געענטפערט אז איך קען נישט פירן דעם דין תורה ווייל עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש, און איך האב מורא פונעם אייבערשטן.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **שמואל זאנוויל הערשקאוויטש** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק הבאר מנחם מקאלוב זי"ע

**דעם היינטיגן שב"ק - ח' אב, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן באר מנחם פון קאלוב, הרה"ק רבי מנחם בן הרה"ק רבי אברהם בראדי זי"ע - חתנא דבי נשיאה פונעם הייליגן שרף זי"ע, א פעטער און רבו מובהק פון רביה"ק זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער באר מנחם איז געבוירן אינעם שטאט קליינווארדיין, אום כ"ב שבט תר"כ לפ"ק.

דער באר מנחם איז אויפגעוואקסן אין די יוגענט על דרכי תורה וחסידות, ביי זיין זיידע דער הייליגער בעל פני יצחק מקליינווארדיין זי"ע, און ווערנדיג עלטער איז דער באר מנחם געפארן לערנען צום הייליגן ייטב לב פון סיגוט זי"ע. אזוי אויך איז ער געווען דבוק אינעם גאון וקדוש רבי יואל צבי ראטה אב"ד חוסט זצ"ל, ובעמח"ס בית היוצר.

דער באר מנחם האט זוכה געווען צו טרעפן א גאר גרעאטעטענעם שידוך, די טאכטער פון רבינו השרף זי"ע, הרבנית הצדיקת מרת מרים ע"ה. די גרויסע חתונה איז פארגעקומען אין שטאט טאהש, ראש חודש ניסן תרמ"ג לפ"ק.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן בעל בית היוצר, אין וועלכער זכות האט דער באר מנחם זוכה געווען זיך צו משדך זיין מיט די קינדער פון אט דעם גרויסן צדיק וקדוש, רבינו השרף. האט דער בעל בית היוצר דערויף געענטפערט, **"מענדל'ע האט ביי שלש סעודות געווויינט אז דער טעם פון שבת זאל אים נישט אוועקומען"...**

נאך זיין חתונה, האט ער באקומען אלץ "נדן" צו דינען ברבנות אין טאהש, און פאר א משך פון ניין-און-צוואנציג יאר האט ער באלאכטן דעם שטאט מיט זיין אור התורה, קדושה, און ערליכקייט, און מדריך געווען די שטאט לדעת את המעשה אשר יעשון.

אין יאר תרס"ב לפ"ק איז דער באר מנחם אויפגענומען געווארן אלץ אב"ד דק"ק קאלוב, און האט דארט געדינט ברבנות ביז צו זיין פטירה.

דער באר מנחם האט מחבר געווען זיין הייליג ספר, "באר מנחם", און עס איז געקרוינט געווארן מיט אן הסכמה פון זיין שווער רבינו הסב"ק זי"ע.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה, ווען מען האט איבערגעדריקט דעם הייליגע ספר, האט דאס אויך באקומען אן הסכמה פון רביה"ק זי"ע. די דאטום אויפ'ן הסכמה איז, י"ג ניסן תשי"ט בעיר מאנטריאל.

דער הייליגער באר מנחם איז נסתלק געווארן אום ח' מנחם אב אין יאר תרצ"ח לפ"ק, ומנו"כ איז אין שטאט קאלוב.

### גדול ומהולל מאוד

דער באר מנחם איז געווען איבערגעשעצט, מיט זיין גרויס קדושה וצדקות וואס ער האט פארמאגט.

זייענדיג רב אין שטאט קאלוב, איז זיין נאמען געהויבן געווארן גאר שטארק, פאר א צדיק וקדוש, און א גרויסע פועל ישועות, און



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ח' אב | הרה"ק רבי מנחם בן ר' אברהם זי"ע - מ'קאלוב - באר מנחם | תרח"ץ |
| ט' אב | הרה"ק רבי יעקב יצחק בן רבי אברהם אליעזר הלוי זי"ע - החוזה מ'לובלין | תקע"ה |
| י"ד אב | הרה"ק רבי צבי הירש בן רבי אהרן זי"ע - מ'ליסקא - אך פרי תבואה | תרל"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ח' אב | האשה החשובה מרת יענטא בת ר' שמואל ע"ה קרויס<br>אשת מוה"ר אלקנה מאיר ע"ה | תש"פ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט' אב | הרב החסיד ר' משה בן ר' נחמי' ע"ה שווארץ | תשל"ב | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| י' אב | הרב החסיד ר' ישראל עמרם בן ר' שלמה זלמן חיים ע"ה פראמאוויטש | תשפ"ג | ביה"ח בשיכון סקווירא |

ער איז פארערכנט געווארן פון די גדולי הרבנים פון גאנץ אונגארן.

דער באר מנחם האט זיך אמאל אנגערופן צום שרף: **"די וועלט זאגט אויף מיר אז איך קען אלעס, נו, וויאזוי האב איך טאקע די כוחות דערצו? ווייל איך וויל נישט נאר וואס יענער וויל!"**

## ובקרב קדושים תתהלל

דער באר מנחם איז געווען גאר באליבט ביי זיינע רבי'ס, און אלע גדולי וצדיקי הדור, ווי מען זעהט פון די אלע בריוו'ן צווישן זיך. מיר וועלן אראפברענגען לשונות פון עטליכע בריוו'ן וואס גדולי דורו האבן זיך אויסגעדריקט אויף אים, וואס פון די אלע אויסדריקן קען מען עטוואס משיג זיין אין זיין גרויסקייט.

רבו מובהק פונעם באר מנחם, **דער הייליגער בעל בית היוצר**, דריקט זיך אויס אין א בריוו אויפן באר מנחם, ווען ער איז געווען רב שטאט אין טאהש, ווי פאלגענד:

**"שפעת חיים וברכה, לכבוד אהובי ידיד נפשי הרב המאוה"ג המופלא ומופלג בתורה וביראה הרוממות החו"ב כקש"ת מו"ה מנחם בראדי אב"ד בק"ק טאהש יע"א. כתבו היקר הגיענו וכו', ועכשיו לקחתי לי פנאי לעיין במכתבו ולהשיבו על הענין..."**

דער הייליגער ערוגת הבושם מחוסט זי"ע האט געשריבן א שאלה צום באר מנחם אין די תקופה זייענדיג שטאט רב אין טאהש, ווי פאלגענד:

"שלום וכל טוב, לכבוד ידיד נפשי הרב המאוה"ג חו"ב בחדרי תורה זית רענן יפה תואר בנש"ק כקש"ת מו"ה מנחם מענדיל בראדי נ"י האבד"ק טאש יע"א".

## מגמת נפשו — הרבצת התורה לתלמידים

מגמת נפשו הטהורה פונעם באר מנחם, איז געווען "הרבצת התורה". און טאקע דערפאר האט דער באר מנחם שוין אין די ערשטע תקופה ווען ער איז געקרוינט געווארן אלץ אבדק"ק טאהש, שוין אנגעהויבן פירן די ישיבה אין שטאט, וואס איז נתייסד געווארן דורך זיין שווער, רבינו השרף.

## פון צען — ביז צענדליגע

נאך די חתונה, האט אים רבו מובהק דער בעל בית היוצר געגעבן פאר "דורן דרשה" צען תלמידים, וואס די זענען געווען פון די ערשטע תלמידים אין די ישיבה וואס דער באר מנחם האט געפירט עד יום מותו, פאר א משך פון פינעף-און-פופציג יאר, ניינצן יאר אין טאהש, און זעקס-און-דרייסיג יאר אין קאלוב.

דער באר מנחם האט געפירט זיין גרויסע ישיבה מיט א צוגעלאזנקייט צו יעדן תלמיד, און יעדעם מדריך געווען ווי אן אייגן קינד על דרך התורה והחסידות.

דער באר מנחם האט געזאגט בערך אין יאר תרפ"ה: **"איך האב אצינד צוועלף טויזענט תלמידים, און איך ווייס די התנהגות און מהות פון יעדע תלמיד באזונדער"...**

## די אלע זענען מיינע קינדער

ווי באקאנט האט דער באר מנחם נישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא, האט ער דערפאר אריינגעלייגט זיינע אלע כוחות אין די תלמידי הישיבה, זיי זאלן אויסוואקסן לשם ולתפארת.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז דער ראש הקהל פון נירעדהאז געקומען באזוכן דעם באר מנחם, און אינצווישן די שמועס, האט מען גערעדט איבער דעם אז דער באר מנחם האט ל"ע נישט קיין קינדער. האט דער באר מנחם אנגעכאפט דעם האנט פונעם נירעדהאזער ראש הקהל, און געעפענט דעם דערנעבענדיגער טיר, און אים געוויזן זיינע תלמידי הישיבה, און זיך אנגערופן, **"די אלע זענען מיינע קינדער..."**

## דיר קומט נישט קיין טיי

דער באר מנחם האט געלייגט א שטארקע דגוש אויף זיינע תלמידים, אז מען זאל גיין יעדן צופרי אין א כשר'ע מקוה. יעדע שבת אינדערפרי פלעגט ער טיילן "טיי" מיט ציקער", און ער פלעגט א בליק טאן אויף יעדע תלמיד בעפאר דעם, און געזעהן מיט רוח הקודש אויב ער איז היינט געווען אין מקוה, און אויב נישט, האט ער זיך אנגערופן צו יענעם תלמיד: **"דיר קומט נישט קיין טיי, ווייל דו ביסט נישט געווען אין מקוה"!**

עס איז כדאי צו מסיים זיין דעם מאמר פונעם הייליגן "באר מנחם", מיט א הערליכן שטיקל עבודת עבודה, ווי רביה"ק זי"ע רעדט מיט געגועים און בענקשאפט צום באר מנחם:

"וכאשר אנו מזכירים את שמו של רבי מנחם בראדי, רצוני שתדעו שאנו מדברים כאן מאיש צדיק וקדוש מאוד, שהיה משכמו ולמעלה גבוה מכל העם, והיה ענק מאוד בתורה ועבודה, וזכיתי ללמוד בישיבתו הק' כמה שנים, וכל הנהגותיו נחקקו היטב בזכרוני, ואני חוזר במחשבתי תמיד, את מה שראיתי בו בימים ההם, כי כל תנועותיו היו כשולחן ערוך, והנהגותיו היו נפלאות מאוד, ותמיד ראו שבוער בו אש קודש לה', ער איז זייער געטליך געווען והיה תענוג לשהות במחיצתו..."

(עבו"ע שיח"ק ח"ג מוצשב"ק וישב)

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**


בעזהשי"ת

**קהל אור החיים ד'טאהש**

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעוכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ערש"ק פר' דברים חזון תשפ"ה לפ"ק

**זמנים לשבת חזון ותשעה באב**

**שבת חזון**

**תפלות שבת כרגיל**

**מנחה ביום שב"ק** ........ בשעה **6:00**

**סעודה שלישית תיכף אחר מנחה בהיכל הכולל**

**זמירות בערך 8:10 • ברכת המזון בערך 9:10**

**מנינים מנחה בביהמ"ד אברכים**

**ביום שב"ק משעה 5:30 ואילך כל 20 מינוט**

**ליל תשעה באב**

**מעריב** ........ בשעה **10:00**

בביהמ"ד הגדול

**יום תשעה באב**

**שחרית** ........ ברכות **9:00** הודו **9:15**

בביהמ"ד הגדול

**אחר הקינות יהיה מנין מנחה גדולה בביהמ"ד הגדול**

חצות ת"ב **1:01** | מנחה גדולה **1:44** | אויספאסטן ר"ת **9:33**

ויה"ר שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה בב"א

**הנהלת הקהלה**













אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*



ארייצוליינג
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

**הקדמה:** ביי די פארגאנגענע אסיפה פון די גבאי מורא מקדש - וועלכע זענען מיט א שטיק צייט צוריק געשטעלט געווארן דורך מרן רבינו שליט"א ביי א אסיפה בביתו נאוה קודש - ווי עס זענען אויך אנוועזענד געווען הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, און הרה"ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, האט מען דן געווען איבער פארשידענע מהלכים וויאזוי צו גיין א טריט פאראויס און מחזק זיין דאס הייליג ענין פון מורא מקדש, האט מען מחליט געווען צו מייחד זיין א וועכנטליכע אפטיילונג דא אינעם רייכן גליון באור החיים, צו מעורר זיין די ענין פון קדושת ביהמ"ד, בבחינת אין מזרזין אלא למזורזין.

ויה"ר אז אין זכות פון קדושת מקדש מעט, זאל מען זוכה זיין צום בית הגדול והקדוש שנקרא שמך עליו. אכי"ר.

*

טייערע אידן!

וואלט איר אמאל געטון א פעולה וואס זאל אריינברענגען א טמא'נע מלאך אין ביהמ"ד, וואס נעמט אוועק אלע תפילות און געבט עס פאר די חיצונים ר"ל?

זיכער אז נישט!!

פון די הייליגע דיבורים פונעם חתם סופר זי"ע (דף ש"ט) זעהט מען אז רעדן ביים דאווענען ברענגט אריין א טמא'נע מלאך אין ביהמ"ד. ווי ער שרייבט דארט אזוי: "אויב איז מען נישט מכבד די ביהמ"ד און מ'רעדט דברים בטלים, קומט אריין אין ביהמ"ד די שר פון חוץ לארץ און ער ווערט בעה"ב אין ביהמ"ד, און ער נעמט די תפילות און ער געבט עס פאר די חיצונים ר"ל".

אבער אויב פירט מען זיך אין ביהמ"ד מיט א כבוד, האט די ביהמ"ד קדושת ארץ ישראל, און די תפילות גייען גלייך ארויף אין הימל.

*

הערת הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א: אויב מ'שטעלט גבאים צו אכטונג געבן אז קיינער זאל נישט רעדן, איז נישט געזאגט געווארן די הארבע ווערטער פונעם חתם סופר.

דעריבער עם ה' חזקו ונתחזקה! לאמיר נישט רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז דער אייבערשטער זאל אננעמען אונזערע תפילות לרחמים ולרצון, ותחזינה עינינו בשובך לציון עירך ברחמים, אמן.



אריינצושיקן בריוון צום מדור מאנ"ש לאנ"ש
לאזט א מעסעדזש אויפן קול איחוד 718.451.8674 Ext. 841
שיקט א פעקס 845.230.6884
שיקט א בריוו 11 Van Buren Dr. Unit 305 Monroe, NY 10950

## הכרת הטוב פאר חברה שומרים קרית טאהש

לכבוד מערכת באור החיים, ביטע אריינלייגן מיין בריוו לטובת אנשי שלומינו החשובים.

ווי יעדער זעהט, קומט יעצט פאר א שטיקל קאמפיין אין קרית טאהש, וואס איז באמת נוגע פאר יעדעם איינעם בכל מקומות מושבותיהם, בפרט יעצט אין די זוממער וואכן, איבער דעם ענין פון זייער אכטונג געבן ביים דרייוון, און אזוי אויך פאר די פיס גייער ביים אריבערגיין די גאס.

איך נעם זיך די צייט צו שרייבן דעם בריוו, אלץ הכרת הטוב פאר די געטרייע הנהלה און וואלענטירן פון חברת שומרים, וועלכע האבן גענומען אויף זיך די צייט און געלט צו מאכן די גאר וויכטיגע קאמפיין, וועלכע איז איבריג צו מסביר זיין אז בנפשינו הדבר, און די גרויסע סכנות צו וועלכע מען איז אויסגעשטעלט ווען מען גיבט זיך נישט אכטונג, און יעדער פארשטייט דאס באמת אליינס, נאר ליידער פעלט אויס כסדר צו דערמאנען.

בפרט אין די היילגע שטעטל קרית טאהש, ווי עס וואוינען הונדערטער משפחות כ"י, מיט קינדער געבענטשטע משפחות, און די קינדערלעך וואקסן אויף אזוי ווי אין א קאנטרי, איז זייער וויכטיג צו רעספעקטירן דעם ספיד לימיט, און נישט ח"ו זיין א צועק לשעבר.

עקסטער איז דאס נוגע פאר די פילע געסט פון ניו יארק און איבעראל וועלכע קומען כסדר צו פאר'ן אויף שבתים ויומא דפגרא און סיי ווען, און יעצט איז דאס נאך מער שייך שטייענדיג פאר די יארצייט פון הייליגן רבי'ן זי"ע, דארפן די געסט געדענקען אז די קינדער פילן זיך נישט דא ווי אין א גרויסע שטאט, און מען ברויך שטארק ציילייגן קאפ ביים דרייוון.

אבער מען דארף וויסן אז דער ענין איז פונקט אזוי שייך פאר די חשובע פיס גייער, וועלכע דארפן זיך רעכענען מיט די חשובע דרייווער, און פאר מען גייט אריבער א גאס זאל מען אכטונג געבן צו עס קומט נישט קיין קאר, ובפרט ביינאכט ווען עס איז טונקל, אפגערעדט אז גיין מיט א ריפלעקטער ביינאכט איז זייער וויכטיג, און צומאל איז די ריפלעקטער דער איינציגסטער מיטל וויאזוי די דרייווער קען באמערקן די פיס גייער.

ברוך השם די הנהלת הקרי' האט אריינגעלייגט שווערע מיליאנען דאלארן די לעצטערע שטיק צייט צו אינסטאלירן שיינע ברייטע סיידוואקס, און לעת עתה איז רובו ככולו פונעם שטעטל שוין אויסשטאפירט דערמיט, איז טאקע א שאד דאס נישט צו אויסניצן, און עס איז פיל גרינגער פאר יעדעם איינעם זיך צו אכטונג געבן.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן אפגעהיטן ווערן פון אלעם שלעכט'ס און מען זאל קומען און גיין לחיים ולשלום.

ח.מ.ק. קרית טאהש

## די חשיבות פון א בחור וואס לערנט אין דעם רבינ'ס ישיבה

אל כבוד מפעל האיחוד און גליון באור החיים.

איך האב געוואלדיג הנאה געהאט צו זעהן די בריוו פארגאנגענע וואך אינעם גליון, ווי עס איז געווארן נתפרסם דעת קדשו פון הייליגן רבי'ן זי"ע, איבער דעם אז די בחורים זאלן דייקא דא לערנען אין אונזער ישיבה.

איך פיל פאר וויכטיג צו ברענגען די אויספיר פון רבי'ן נאכדעם, וואס עס איז נישט געשטאנען פאריגע וואך אין די גליון. נאכן זאגן אז מ'דארף נישט פון דא אוועקצופארן און מ'קען דא אויך אלעס קונה זיין, און אז "קיינער וואס איז פון דא אוועקגעפארן האט זיך גארנישט מער קונה שלימות געווען, ווי ווען ער וואלט ווען געבליבן דא", האט דער הייליגער רבי צוגעלייגט די פאלגנדע ווערטער: **"איי, ס'קוקט יא אויס אמאל אנדערש, מ'זעהט אמאל אויף א בחור אז ער האט יא עפעס קונה געווען ערגעץ אנדערש, זאג איך ענק אז ס'איז באמת נישט אזוי, ס'איז אלעס נאר אחיזת עינים, ס'קוקט נאר אויס אזוי פון אינדרויסן, בפנימיות, אהה... ס'איז נישט אזוי"**. און דער רבי האט אזוי אוועקגעמאכט מיט די הענט ביים זאגן 'אהה', ווי ווער ס'קען דעם רבינ'ס לשון. און און אויף דעם האט טאקע דער רבי געזאגט וואס איז שוין געשטאנען פאריגע וואך, אז ער זאגט עס נישט ווייל ער מיינט זיך, "העטעך געמיינט מיך איין רגע, וואלט שוין לאנג דא גארנישט געוועזן".

נאך איין פרט וויל איך אויסבעסערן פון וואס ס'איז געשטאנען פאריגע וואך, אז די מעשה פון די דרשה האט פאסירט בהיכל הישיבה. לאמיתו של דבר איז עס געווען אזוי, אז הערנדיג אז עס טוט זיך צווישן די בחורים אוועקצופארן

צו אנדערע ישיבות, האט דער רבי פערזענליך אריבערגערופן די עלטסטע כיתה צו זיך אין חדר פרטי, און דארט האט ער גערעדט די אויבנדערמאנטע דרשה.

דא פיל איך פאר פאסיג נאכצוברענגען וואס הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער שליט"א פלעגט פארציילן וואס רביה"ק זי"ע האט אים אליינס געזאגט אמאל איבער דעם ענין. ס'איז געווען בעפאר א שידוך פון איינע פון זיינע טעכטער, האט אים דער רבי געזאגט: "**גלייב מיר, אז די מעלות פון א בחור וואס לערנט אין אונזער ישיבה, אפי' ער איז נישט דער בעסטע, שטייגט איבער מער אפי' פון דער בעסטער בחור פון אן אנדערע ישיבה.**"

און אז איך ברענג שוין פון הרה"ח ר' הערש לייב זז"ג, וועל איך צולייגן נאך עטליכע זאכן איבער דעם ענין וואס איך האב געהערט פון אים במשך די יארן.

ער פלעגט כסדר בעטן און דערמאנען די אייניקלעך און אור אייניקלעך, אז זיי זאלן דא בלייבן לערנען אין טאהש, און דערויף האט ער אלץ מדגיש געווען, אז ב"ה מיינע אייניקלעך וואס האבן מיר געפאלגט און זענען דא געבליבן, זענען אלע ב"ה אויסגעוואקסן חשוב'ע תלמידי חכמים און ערליכע בעלי בתים.

ביי א געלעגנהייט האט ר' הערש לייב אויף דעם צוגעלייגט, אז ער איז נאכגעגאנגען 95 פראצענט פון די וואס פארן יא אוועק, און ער האט געזעהן אז די בחורים וואס זענען אוועק געפארן, איז נישט געווען ווייל די ישיבה האט געהאט א פראבלעם, אז מ'קען נישט דא קונה שלימות זיין, נאר פונקט פארקערט, ס'איז ווייל די בחור האט געהאט א געוויסע פראבלעם אז ער האט געמוזט אוועקפארן...

און אויף דעם האט ער נאכ-פארציילט פון א גאר חשובער איד א נאנטער מענטש צום רבי'ן, וואס האט געפלאנט אוועקצושיקן זיין זוהן לערנען, און ער האט אנגעלייגט אז זיין זוהן איז דער וואס וויל אוועקפארן, ווייל ערגעץ אנדערש וועט ער שטייגן מער... דער רבי האט געלאזט רופן דעם בחור, און במשך די שמועס האט דער רבי אויפגעוויזן פאר אים, אז די אלע מכלומרשטע טענות איבער די ישיבה וואס בחורים האבן כסדר, איז נישטא קיין עכטע ממשות דערין.

און דער רבי האט אים געזאגט בין הדברים, אז זיין פראבלעם איז נישט אז ס'פעלט עפעס פון די ישיבה, נאר עס פעלט אין אים אליינס, און דער רבי האט אים אנגעוויזן, אז ס'איז כדאי ווען ס'מאכט זיך אזעלכע מחשבות, זאל ער נעמען די ספר יושר דברי אמת, און גוט עוסק דערין איבער די ענין פון גאווה...

איך וויל פארענדיגן מיטן א ברכת הדיוט פאר די אלע וואס טוען רצון קדשו פון הייליגן רבי'ן, די וואס שיקן די קינדער לערנען דא אין טאהש, די וואס לערנען אליינס דא, די וואס העלפן צו, און שטיצן די הייליגע ישיבה, זאלן געבענטשט בברכת קדשו "מוז ביי אונז געהאלפן ווערן" ברוחניות ובגשמיות.

ווי עס שרייבט אונטער, מידידי הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער שליט"א, פה קרית טאהש

## איבערן חבורת עבודת עבודה / דאנק אויף מאמר להתאחד און שאלה

א גוטן די חשובע מערכת, איך בין א בחור וואס האט יעדע וואך הנאה פון די ארטיקל פון להתאחד אינעם גליון באור החיים, איך לערן עס אדורך יעדע וואך, און עס גיבט מיר עצה והדרכה, איז קודם דארף מען זיך באדאנקען דערפאר, סיי פאר די שרייבער פונעם מדור, און סיי פארן מערכת, השם ישלם פעלכם.

ברוך השם אז די חבורת עבודה דא אין שטאט גייט אן מיט א פעסטקייט א גאנץ יאר, און עס האלט היינט ביי איבער 30 בחורים קומען זיך צוזאם מידי שבוע בשבוע עוסק צו זיין בספרי הקודש עבודת עבודה און זיך מחזק זיין און זינגען צוזאמען, בראשות הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א, בן כ"ק מרן רבינו שליט"א.

אין די יעצטיגע זומער וואכן געפינען זיך אסאך אין קעמפ מחוץ לעיר, און עס קומט נישט פאר די חבורה, וואס אגב האב איך ב"ה ערלעדיגט פאר מיר צו קענען כאטש באקומען דא א קאפי יעדע וואך פונעם גליון באור החיים, און עטליכע וואכן צוריק איז טאקע הערליך געווען געשריבן א הערליכע ארטיקל, דבר בעתו מה טוב איבער אהבת חברים אין די דריי וואכן, פון וואס איך האב שטארק הנאה געהאט.

וויל איך בעטן אז אזוי ווי געווענליך אין די חבורה, איז דא א סדר יעדע וואך אויסצושמועסן א שאלה אדער צוויי בעניני בחרות ועבודת השם, וויל איך בעטן אויב מ'קען כאטש אין די יעצטיגע וואכן, און מ'קען עס אפי' ממשיך זיין א גאנץ יאר, צו ארײנלייגן אינעם גליון אזעלכע סארט שאלות דורך בחורים, וואס זאל ווערן פארענטפערט אינעם גליון בטוב טעם ודעת, וואס וועט זיין א געוואלדיגע תועלת, סיי פאר מיר, און סיי פאר נאך הונדערטער אנדערע בחורים אויך פון אנדערע שטעט.

קודם האב איך יעצט געוואלט נעמען די געלעגנהייט צו פרעגן א שאלה, איבער א בחור אין מיין ישיבה, וואס איז נישט אהער און נישט אהין, ער מאכט נישט קאלט אנדערע אבער פאר זיך איז ער א שטיקל קל, פון איין זייט וויל איך אים מקרב זיין, אין טאהש האט מען דאך געוואוסט אייביג איז א מוסטער פון אהבת ישראל, פון אהבת התורה און פון אלעם טאקע, אבער בפרט האט מען ארויסגעוויזן א קירבה פאר יעדע איד פון סיי וועלכע קרייז אדער אפשטאם, אז איינער האט נאר געזעהן דעם הייליגן רבי'ן צורה דעם אש בוער לפני השם, האט ער געזעהן וויאזוי מ'דארף דינען דעם אייבערשטן, האט ער ליב געהאט אידישקייט, און אנשטאט צו ווערן אראפגעשלעפט האט דער רבי אלס משפיע געווען פאר יענעם, אבער פון די אנדערע זייט איז נישט יעדער ווי דעם רבי'ן, און מ'קען זוביסלעך ח"ו אנקומען צו יענעמ'ס דרגא.

אגב אז איך האב די שופר, וויל איך זיך באדאנקן בכלליות

פאר די גליון באור החיים יעדע וואך, וואס גיבט אריין אן ענוג שבת אין א טעם, און ספעציעל פאר די מער רייכערע גליונות במשך די יאר לכבוד א יום טוב, א יומא דפגרא, וכדו', ווי צ.ב.ש. האב איך שטארק הנאה געהאט פון די ארטיקל "דא גזירת אורייתא" וואס איז געווען הערליך שיין באשריבן, און איך וואלט שטארק הנאה געהאט כסדר צו ליינען אזעלכע סארטן היסטאריע ארטיקלען און מאמרים אינעם גליון. און אוודאי איז קיינמאל צו סאך ווען מען ברענגט אזעלכע ארטיקלען און אפטיילונגען, איבער ענינים און סיפורים אויף רבינו הק' זי"ע, בפרט יעצט שטייענדיג סמוך ונראה צום יומד"ק ז"ך מנחם אב הבעלל"ט, ווען מען גרייט זיך בהכנה דרבה לקראת ההילולא קדישא.

נאכאמאל א גרויסן יישר כח, און הצלחה רבה, חזק חזק ונתחזק, יישר כחכם.

הב' (-) בארא פארק

# "אונזערע טישן, קדשי קדשים"

אויף די אנפראגע פאראגאנגענע וואך איבער די פאסירונג ווען כ"ק מרן רביה"ק זי"ע איז געפאלן אויף די אייז און זיך צובראכן די פיס, און דאן גערעדט פארכטיגע דיבורים נפלאים, ברענגען מיר דא אראפ די סיפור הדברים במילואו, אריינגעשיקט דורך מכון "עבודת הלוים", פונעם פרישן רייכן באנד "דער הייליגער פלאם - שבת קודש" וואס איז גרייט צום דרוק בעז"ה:

פרייטאג נאכמיטאג פרשת ויגש, בשנת תשל"ו, ארויסקומענדיג פון די מקוה, האט זיך דער רבי אויסגעגליטשט אויף די אייז, און ער האט זיך צעבראכן די פוס. דאס האט פאר'ן רבי'ן געשאפן שמערצליכע ווייען. אויפ'ן פלאץ איז דער רבי ווייטער געגאנגען און מיט מסירת נפש זיך געגרייט מיט די הכנות לשב"ק, כאילו לא היה, און ניטאמאל דערציילט פאר איינעם אז ס'טוט אים עפעס ווי.

אבער וויפיל דער רבי האט פרובירט אנצוגיין ווי געהעריג, האט דער ציבור פארט באמערקט אז 'עפעס' גייט פאר.

יעדע וואך אריינקומענדיג אין ביהמ"ד, פלעגט דער רבי זיך געבן א בלויזע שטעל אפ ביים טיר, קושן די מזוזה, און תיכף 'ארײנלויפן' ביז זיין עמוד, אבער דעם ערב שבת האט ער זיך אפגעשטעלט ביי די מזוזה פאר א שטיק צייט און נישט געגאנגען ווייטער, נאך א שטיק צייט האט ער געגעבן א לויף ביז צו די ערשטע באנק פון מערב וואנט פונעם ביהמ"ד.

מ'האט באמערקט אויף זיין הייליגע צורה אז עפעס איז נישט בסדר, זיין לעכטיגע צורה איז געווען בלאס און צוקנייטשט פון יסורים. גלייך איז הרה"ח ר' הערש לייב וויינבערגער הי"ו און די גבאים צוגעגאנגען און אונטערגעהאלטן דעם רבי'ן ביז צו זיין פלאץ, גייענדיג הינקענדיג, שוואך און שטייט.

אבער תיכף ווי דער רבי האט אנגעהויבן דאווענען, האט זיך גארנישט דערקענט, ער האט מעריך געווען דעם עבודה שבלב מיט א פלאם פייער און רגשי קודש.

ביים "גוט שבת זאגן" נאכ'ן דאווענען האט דער רבי זיך נישט געוואלט אראפזעצן, מפני כבוד הציבור. הערשט נאכ'ן ענדיגן גוט-שבת זאגן פאר'ן גאנצן ציבור, האט זיך דער רבי אראפגעזעצט. דער רבי האט נישט געהאט כח ארויסצוגיין פון ביהמ"ד, און די גבאים האבן אים ארויסגעפירט מיט א בענקל.

אין צימער האט מען שוין געזען אז דער רבי ליידט פונעם אראפפאלן, און גייענדיג אין מקוה איז ער מיט גרויסע יסורים. עס איז געווארן א רעדע וועגן אריינפירן דעם רבי'ן אין שפיטאל, אבער דער רבי האט נישט געוואלט הערן דערפון און נישט מסכים געווען בשום אופן.

אזוי ווי די מקורבים האבן געזען אז דער רבי האט מורא'דיגע יסורים, האבן זיי אנגעפאנגען צו בעטן, אפשר זאל דער רבי נישט פירן טיש די וואך ברבים, נאר בלייבן אינדערהיים זיך אויסרוען? דער רבי האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון אזא זאך, "נישט פירן א טיש ברבים? נישט זיין מיט אידן אינאיינעם פרייטאג צונאכטס?" די מקורבים האבן פארט פרובירט, מוטב ... שבת אחת ואל ... שבתות הרבה, ס'לוינט זיך איין וואך מוותר זיין אויף א טיש כדי די רבי זאל האבן כח ווייטער צו פירן, אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער גייט יא פירן טיש.

דער רבי איז טאקע אריינגעקומען צום טיש, ווען מ'האלט אים אונטער פון ביידע זייטן, נישט קוקנדיג אויף די אומדערטרעגליכע יסורים. דער רבי האט געזאגט די זמירות פון פאר קידוש זיצענדיג אויף זיין פלאץ, און צו קידוש האט ער זיך אויפגעשטעלט און געמאכט קידוש כדרכו בקודש מיט התלהבות.

דער רבי האט מעריך געווען דעם טיש מיט א מאור פנים און אויפגעלייגטקייט, ווען עס איז דערקענט זיך גארנישט כלפי חוץ אז דער רבי איז מדוכה ביסורים אויף אן אויסטערלישן פארנעם.

שפעטער האט זיך דער רבי אויסגעדרוקט איבער די יסורים וואס ער האט דאן געליטן, אז ער האט קיינמאל נישט פארשטאנען ווען ער האט געלערנט אין ספרי קודש וועגן 'מחשבות זרות' ביים דאווענען, ער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט, וויאזוי קען מען אינמיטן דאווענען אינזין האבן אנדערע זאכן?! אבער יעצט מיט אזעלכע יסורים פארשטייט ער אביסל וואס דאס מיינט.

פאר כל מקדש האט דער רבי גערעדט עטליכע דיבורים וואס האבן געלאזט א טיפע רושם אין אלע וואס זענען דארטן געווען, וזה תוכן דבריו:

**"אזוי ווי איך בין היינט געפאלן און איך האב טאקע גרויסע יסורים, אבער איך בעט זייער עס זאל ח"ו נישט גיין אויף די חשבון פון שב"ק, די זמירות שבת דארף נישט ליידן, נאר מען זאל זינגען די זמירות שטאָט צוזאמען אזוי ווי יעדע וואך. נאר וואס דען, ווער עס קען ביי תהלים אינזין האבן 'משולם פייש בן צירל' שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא".**

נאכדעם האט דער רבי ממשיך געווען די טיש כרגיל. ווען ס'איז געקומען צו די תורה האט מען זוכה געווען צו הערן פונעם רבי'ן מורא'דיגע ווערטער, שלא כהרגלו האט ער גערעדט פון די גרויסקייט פונעם עריכת השלחן, און עטוואס מגלה געווען וואס עס אים ליגט אויפ'ן הארצן, פארוואס ער האט געשפירט אז ער מוז אריינקומען צום טיש.

דער רבי האט דאן געזאגט בלש"ק, די פאלגנדע דיבורים עמיקין וטמירין, מיט אן אש קודש:

**"איך האב מיך אויסגעגליטש און געפאלן, איך האב שטארקע יסורים, "עס איז אפילו געווען א שמועס ביי די שטוב מענטשען אז אפשר זאל מען די וואך בכלל נישט אריינקומען צום טיש, אבער איך האב זיי געזאגט אז א טיש פרייטאג צונאכטס איז נישט פון די זאכן וואס מען קען אזוי גרינג מוותר זיין, מען זיצט דאך נישט מיט די אייגענע כוחות, מען זיצט דאך מיט די כח פונעם טאטן און דעם זיידן, מען זינגט זייערע זמירות און זיי זענען דא מיט אונז, אונזערע טישן זענען 'קדשי קדשים'! מען קען געווינען אהבה געווינען יראה קונה זיין ביי אונזערע טישן, מען דארף זען זיך איינצוקוקן און אויפפאסן אויף יעדע תנועה של אמת פון אן ערליכן איד".**

דער רבי האט ווייטער מאריך געווען מיט פלאות'דיגע דיבורים בקדושת הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע, זאגנדיג בלשונו הטהור:

**"דער אור פון רבי אייזיקל קאמארנער שיינט, סיי וועלכע חסידות עס זאל נישט זיין, האבן זיי דעם אור נאר פון רבי אייזיקל".**

די דיבורים נוראים רעדן פאר זיך אליינס, און איז שופע אור איבער'ן הייליגן און וויכטיגן באדייט פונעם טיש פרייטאג צונאכטס וואס עס האט געמיינט ביים רבי'ן, און ווי ווייט ער האט דאס באטראכט פאר אן עיקר ויסוד גדול בעבודת השי"ת.

די דיבורים האט דער רבי געזאגט אין א בחינה פון 'נפשו יצאה בדברו', ווען מחשבותיו הק' זענען משוטט מיט א דביקות עילאה, זייענדיג אינגאנצן נישט דאהי, אויף אזוי ווייט, אז מוצש"ק, ווען איינער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און איבערגעשמועסט די נעכטיגע תורה, האט ער בכלל נישט געדענקט אז ער זאל דאס האבן געזאגט!...



# במקהלות

קהל אור החיים:

## העפטיגע הכנות צום יומדהל"ק ז"ך אב אויפן העכסטן פארנעם

מיט אויסנאמליכע כיסופין וגעגועין גרייטן זיך כלל ישראל בכלל, און אנשי שלומינו תלמידים וחסידים בפרט, צום גרויסן טאג המשמש ובא, די יומא דהילולא קדישא פון גאון ישראל ותפארתו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, די קומענדיגע דאנערשטאג ראה ז"ך אב הבעל"ט.

עס כאפט א ציטער און א סקרוק גייט אריבער אין די ביינער, ווען מען איז זיך מתבונן אז עס דערנענטערט זיך שוין די 10'טע יארצייט, שוין גאנצע 10 יאר זענען פאר-בייגעלאפן זינט דעם יום המר והנמהר ז"ך אב תשע"ה, ווען נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש, און זינט דאן איז די ציון המצויינת מקום מנוחת קדשו פארוואנדעלט געווארן אלס א תל תלפיות שהכל פונים אליה לדבר ישועה ורחמים.

מטעם הנהלת הקהלה ווערן אין די טעג אריינגעלייגט גרויסע כוחות צוצוגרייטן אלע באדערפענישן וואס עס פעלט זיך אויס, צו קענען אקאמאדירן די אלע המשכימים לקברו פונעם הייליגן בעל ההילולא.

עס איז באשטעטיגט געווארן אז כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט בעז"ה מעריך זיין דעם שלחן הטהור וסעודת הילולא רבתי, אינאיינעם מיטן סיום הש"ס וועלכע ווערט געלערנט דורך כלל אנ"ש, די קומענדיגן מיטוואך נאכט אול"י ז"ך אב אום 9:30 בהיכל בית המדרש הגדול, וועלכע וועט ווערן אויסגעשטעלט אויף א פארנעם צו קענען אקאמאדירן די ריזן ציבור באטייליגטע.

מטעם החברא קדישא איז אויסגעשטעלט געווארן א ספעציעלע צייט פאר די נשים צדקניות צו קענען גיין מתפלל זיין ביים ציון הקדוש, מיטוואך ערב ההילולא פון 10:00 אינדערפרי ביז 5:30 נאכמיטאג, ווי עס וועט זיין צוגעשטעלט א ספעציעלע שאטעל יעדע האלבע שעה פון די שאפינג סענטער. ווי פארשטענדליך וועלן אין די זעלבע צייט נישט ווערן ארויפגעלאזט קיין מענער צום שטח הביה"ח, און פון מיטוואך 5:30 נאכמיטאג ביז פרייטאג 9:00 אינדערפרי וועלן נישט ארויפגעלאזט ווערן קיין פרויען.

עקסטער ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות דורך די געטרייע הנהלת חברה שומרים אויסצושטעלן א נייע מהלך נישט צו דארפן בלאקירן קיין קאר'ס פון ארויפפארן ביז'ן בית החיים, נאר עס וועט זיין צוגעשטעלט ברייטע פארקינג ערטער פאר קאר'ס צו קענען פארקן אויף די גאנצע וועג ארויף צום ציון הקדוש.

רחמנא אידכר לן זכותיה!!

ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש:

## תלמידי שיעור ג' חזר'ן און שטעלן זיך צום פארהער אויף גאנץ הל' מליחה

די תלמידי שיעור ג' וועלכע האבן במשך די יאר געלערנט הלכות מליחה, האבן אין די לעצטערע וואכן געהאט א סדר החזרה אויף די גאנצע מקצוע, מיט'ן ציל צוזאמצונעמען די לימודים כמונח בקופסא מיט א פעסטע שלימות.

די פארלאפענע אול"י ה' פר' מטו"מ האבן די תלמידי שיעור ג' אפגעראכטן א סדר הלימוד בבחינת לילה כיום יאיר, ווי די תלמידים האבן איבערגע'חזר'ט גאנץ הלכות מליחה אין א משך פון 5 שעה ברציפות פון 12:30 ביז 5:30 פארטאגס.

די תלמידים זענען אויפגעשטאנען מיט א פרישקייט ארום 12:00 אזייגער, און נאך א טבילה במקוה און אווארימע תפילת מעריב האבן זיך די תלמידים מצרף געווען מיט די לומדי כולל חצות בביהמ"ד אברכים, און לויט א פאראויס-געשטעלטע סדר האט מען איבערגע'חזר'ט די גאנצע מקצוע פון סימן ס"ט ביז סימן ע"ח.

נאך די סדר הלימוד האבן די תלמידים געהאט די זעלטענע זכי' צו דאווענען א תפלת שחרית וקריאת התורה אינאיינעם מיט כ"ק

מרן רבינו שליט"א אינעם הייליגן נאסטאלגישן בית מדרש הפרטי פון רביה"ק זי"ע. מען האט אפגעראכטן א תפילת שחרית מיט א התעוררות והתלהבות נפלאה, ווען פאר'ן עמוד האט געדאווענט מרן רבינו שליט"א לרגל די יארצייט פון זקינו הרה"ק רבי הערש נאפקער זי"ע. רבינו שליט"א האט גע'פסק'נט פאר די מנין נישט צו זאגן קיין תחנון לרגל די שמחה פון מסיים זיין אזא פעסטע מקצוע בהלכה, ווי אויך אז עס געפאלט אויס די הילולא פון זקינו הק'.

נאך תפילת שחרית האט רבינו שליט"א געפראווועט א שלחן לחיים, ווי מ'האט געזינגען פאסיגע ניגונים, און מיט אן אויסנאמליכן התרגשות האט דער רבי' אויפגעטרעטן מיט ווארימע דברות קודש ודברי חיזוק והדרכה, ווי צווישן אנדערע האט דער רבי ארויסגעברענגט די זכי' פון דאווענען א שחרית אויף אזא הייליג מקום, וואס פון די הייליג פלאץ איז ארויסגעקומען ישועות פאר גאנץ כלל ישראל, אזוי אויך האט דער רבי' ארויסגעברענגט זיין געוואלדיגע קורת רוח צוזעהנדיג פון דער נאנט במשך די יארן, ווי זיינע געטרייע תלמידים שטייגן און וואקסן בתורה ועבודה ויראת שמים, און מיט א פאטערליכע ליבשאפט האט דער רבי' ארומגעשמועסט פון די צייטן בעת ווען ער האט זיך פארהערט די הוראה, און די צענדליגע שעות וואס מען האט געהארעוועט דערויף, און שטארק מחזק געווען די בחורים צו גיין מחיל אל חיל בחדרי התורה והוראה.

נאך תפילת שחרית זענען די תלמידים - אינאיינעם מיט די מגי"ש הרב אלחנן חיים כ"ץ שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע - אריינגעפארן קיין מאנטריאל צום שטוב פון הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א, ווי די תלמידים האבן זיך געשטעלט על כור המבחן אויף גאנץ הל' מליחה און געגטפערט אויף די תשובות מיט א געוואלדיגע קלארקייט און בקיאות, ווי עס האט ארויסגעשיינט דעם ברנה יקצורו אויף א הערליכן אופן, און נאכ'ן פארהערן האט די סקווירא דיין שליט"א משמיע געווען דברי חיזוק פאר די תלמידים און פארטיילט ספרו שו"ת חיי הלוי, און אויך שפעטער נאכגעשוקט א כתב תעודה והצטיינות.

אשרי מי שגדול בתורה ועמלו בתורה! הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!

ישיבה קטנה תפארת משולם
פייש - ניו יארק:

# העכסט געלונגענע חזרה און בחינה פארגעקומען אויף שו"ע או"ח הל' תפלה

נאכדעם וואס די תלמידי שיעור א' האבן געענדיגט איבער'חזר'ן די סימני טור ושולחן ערוך אורח חיים הלכות תפלה, וועלכע איז געלערנט געווארן דעם זמן העעל"ט, דורכן ר"מ הגה"צ רבי חיים סג"ל שליט"א, איז דעם פארגאנגענעם מאנטאג פר' דברים העעל"ט פארגעקומען א בחינה גדולה דורכן חשובן משגיח הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א.

דער משגיח האט געפרעגט די בחורים עטליכע שאלות, און האט באוואונדערט די געוואלדיגע בקיאות און הבנה פון די חשובע בחורים וועלכע האבן בטוב טעם ודעת געענטפערט די תשובות מיט א קלארקייט. ס'האט זיך אנגעזעהן זייער שטארקע הארעוואניע ביים לערנען און חזר'ן די סימני שולחן ערוך והאחרונים, פון ק"ב ביז קכ"ד.

די יעצטיגע חזרה ובחינה איז אין צוגאב צו דעם וואס אלע תלמידי הישיבה, שטעלן זיך מדי שבוע בשבוע צום בחינה בכתב באזונדער אויף אלע שיעורי הישיבה תמידים כסדרם.

די בחורים לערנען אצינד די ווייטערדיגע סימנים, און ביז סוף יאהר אי"ה וועט מען זיך שטעלן צום פארהער אויף די גאר וויכטיגע מקצוע פון שו"ע או"ח הל' תפלה בבהירות רב.

כל השונה הלכות בכל יום

*

# גאר יסודות'דיגע שיעור מיוחד 'הכנה לישיבה גדולה' פארגעקומען פאר תלמידי שיעור ג'

דעם פארגאנגענעם דינסטאג נאכמיטאג פר' מטו"מ העעל"ט איז פארגעקומען א שטארק וויכטיגע שיעור מיוחד 'הכנה לישיבה גדולה', ספעציעל פאר תלמידי שיעור ג', וועלכע גרייטן זיך אין די קומענדיגע חדשים אריינצוטרעטן אין א נייע קאפיטעל, מיטן אריינגיין לערנען אין ישיבה גדולה בשעטומ"צ.

דער שיעור איז אפגעהאלטן געווארן בטוב טעם ודעת בשפה ברורה ובנעימה דורכן פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי מענדל וואלף האלצער שליט"א מנהל ישיבה גדולה תורת משולם פייש.

די חשובע בחורים תלמידי שיעור ג' זענען א לענגערע צייט געזיצן און געשלונגען מיט דארשט די טייערע ווערטפולע ווערטער פונעם בארימטן בעל מחנך דער חשובער מנהל שליט"א.

די שיעור האט איבערגעלאזט א טיפע השפעה אויף די בחורי חמד אויסצונוצן ווייטער די פארבליבענע וואכן ביני עמודי דגירסא, און מאכן א הכנה רבה לקראת השנה החדשה הבעל"ט.

לכו בנים שמעו לו!

כוללי אברכים ד'טאהש:

# קול התורה הולך וחזק

# בתוכלי מבצר התורה כולל אברכים ד'טאהש אין די סאמע ברען פון די זומער וואכן

די פארלאפענע י"א תמוז ביומדהל"ק פונעם הייליגן שר בית הזוהר הרה"ק עטרת צבי זי"ע איז פארגעקומען א אייגנארטיגע סעודת הילולא וסיום הל' ברכת המזון אינערהאלב די חבורה לכולל צעירים אחצ"ה.

די לעצטע תקופה איז געלערנט געווארן במסגרת החבורה די לימוד הל' ברכת המזון, ווי די חשוב'ע לומדי החבורה האבן דורכגעאקערט די מקצוע מיט א מורא'דיגע קלארקייט, און יעצט שטייענדיג על המוגמר האט מען זיך געוואשן צום סעודה לכבוד די יארצייט פונעם הייליג'ן עטרת צבי בשילוב מיט'ן סיום אויף די גאנצע מקצוע.

עס איז סערווירט געווארן א רייכע סעודה, און בעת די סעודה האט אויפגעטרעטן די ראש החבורה הרה"ג רבי יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א, וואס האט שטארק ארומגערעדט בגדלות בעל ההילולא, און עקסטער ארויסגעברענגט זיין גרויסע כוח התורה בנגלה ובסתר פון וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון אים.

עקסטער האט די ראש החבורה שטארק ארויסגעהויבן די חשיבות און גליק פון די לומדי תורה, און מיט זיינע רייכע ווערטער האט ער מחזק געווען ווייטער אנצוגיין מיט א שטארקייט בלימוד ובהתמדת התורה, און חלילה נישט נאכלאזן נאר אדרבא גיין מחיל אל חיל, ענדיגן נאך און נאך מקצועות און זיך משלים זיין בידיעות התורה. אויך האט די ראש החבורה שליט"א מרחיב געווען בדיבור, מיט א קלארע שיעור הקדמה צום קומענדיגן מקצוע הל' זימון וועלכע מ'האט נארוואס אנגעהויבן במסגרת החבורה, און דאס האט אריינגעבלאזן א פרישע מוט און חשק אין די חברי החבורה צו אנהייבן די פרישע מקצוע.

שטייענדיג דערנאך, שפירט זיך טאקע א געוואלדיגע התעלות בין כותלי הכולל, די קול תורה דונערט מיט א שטארקייט - טראץ מען שטייט יעצט אין די סאמע ברען פון די זומער וואכן ווען אין די גאסן הערשט א רוח פון ווייניגער לימוד התורה - די חשובע לומדים האבן אנגעהויבן מיט א פרישקייט הל' זימון, און די געטרייע ראשי וגבאי החבורה האבן אויסגעשטעלט א פרישע סיסטעם און סדר צו לערנען און חזר'ן די לימודים אויף א אופן מען זאל יעדן טאג לערנען א פרישע שיעור און חזר'ן די אלטע אויף א אופן עס צו געדענקן פאר לאנגע יארן.

אשרי מי שגדול בתורה ועמלו בתורה!!

*

במסגרת חבורת הל' שבת וועלכע די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שטייט בראש, איז אין די לעצטערע וואכן איינגעפירט געווארן א פרישע מסגרת, ווען יעדע דאנערשטאג נעמען זיך צוזאם אלע חברי החבורה צו א ספעציעלע שיעור בספה"ק בני יששכר אין די רייכע פלאמעדיגע מאמרים בעניני שב"ק.

ווי עס איז באוויסט ביי חסידי'שע אידן, טוט די הייליגע ספר בני יששכר פארמאגן א הערליך רייכע אוצר בלום בגדלות וקדושת השב"ק, וואס די הייליגע ווערטער טוען אריינשיינען אין די הערצער פון אידישע קינדער בקדושת ובהתלהבות אש השבת, און עס איז טאקע נישט מער ווי פאסיג, אז די חשובע לומדי החבורה וועלכע זענען א גאנצע וואך עוסק בלימוד וליבון אין די הלכות פונעם הייליג'ן שבת, זאלן אויך זיך איינקויפן א ריכטיגע חסידישע ברען אין די הייליגע ענינים וועלכע עס ווערט צוגעברענגט.

די שיעור ווערט איבערגעגעבן דורך די ראש החבורה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, וועלכע טוט עס מרחיב זיין מיט א ברייטע שפראך מתובל בעניני שב"ק פון נאך הערליכע ספרי חסידות וספרי רביה"ק נ"ע, און עס באצויבערט די חברי החבורה שומעי לקחו און בלאזט אריין א חיות אינעם שב"ק.

יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו!!

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש:

# גרויס התעוררות ערב ר"ח מנחם אב ביים ציון הק' פון רביה"ק זי"ע

פאראנגענע וואך דאנערשטאג פרשת מטו"מ - ערב ר"ח אב מוקדם, זענען די תלמידי התלמוד תורה אינערהאלב מפעל פועל ישועות, ארויף צום ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע, אין די זעלבע צייט ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז אויך ארויף צום ציון הק' אזוי ווי יעדע ערב ראש חודש, און די קינדער האבן צווישן זיך אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים לטובת די אלע נדבני התלמוד תורה.

נאך תהלים האט מען געזאגט יהי רצון, דער רבי האט פארגעזאגט ה' ה' קל רחום וחנון, און מען האט געזאגט קדיש.

נאכדעם האט דער רבי אויפגעליינט אין די קוויטל פון אלע נעמען וואס האבן געגעבן פאר די תלמוד תורה. דער רבי איז נתפעל געווארן וויפיל נעמען ס'איז שוין דא. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, אז "דער טאטע דער הייליגע רבי זי"ע פלעגט אלעמאל צו זאגן, ווער עס אונז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן, די מימרא האט ער געזאגט בשעת'ן בויען די חדר, זאל מען וויסן, אז דער הייליגער צדיק האט דאס צוגעזאגט, ער האט נישט געזאגט 'זאל געהאלפן ווערן', ער האט נישט געזאגט 'וועט געהאלפן ווערן', נאר ער האט געזאגט דער 'מוז געהאלפן ווערן', אלע מענטשן וואס געבן געלט פארן תלמוד תורה מוזן געהאלפן ווערן".

דער רבי האט מאציל געווען ברכותיו הקודש, און אנגעוואונטשן פאר אלע נדבנים וואס מען האט מזכיר געווען די נעמען זאלן האבן אלע גוטע זאכן, שפע ברכה והצלחה, און פועל'ן אלעס גוטס.


בעזהשי"ת
מזלא טבא וגדיא יאה
ברגשי גיל וחדוה שהשמחה בארמונינו נביע ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מעומקא דליבא באותות אהבה וחבה, מיטב ברכותינו המאליפות, אל כבוד האי גברא רבא ויקירא, עומד בנס בהרבצת התורה, כשלמה עוטה אורה, אשר נוטע בנו אהבת תורה ויראת שמים, ועל לבו נושא כל צרכי התלמידים, מזהב ומפנינים יקרים,
ה"ה מוה"ד
יחזקאל הערשקאוויטש
הי"ו - מענעדזשער בישיבתינו הק'
לרגל הולדות בנו
מ קירות לבנו, קח נא את ברכותינו, היוצאים באהבה רבה מקרב נפשינו, ברוב טבון וקשו ט
ז כות עוצם מעשיך, ילוו את דרכיך, כל ימי חייך, לראות דורות ישרים ומבורכים לה' ולתורת ו
ל א ימושו ממך ברכה המשולשת בתורה, הבית יהי' מלא אורה, עדי נזכה לתשועת ה' בקרו ב
וכפינו פרושות כלפי שמיא קדם מרן אבוהון די בשמיא שירווה רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ויזכה לגדלם ולחנכם לתורה ולעבודה ולירא ת שמים ע"ד ישראל סבא, ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים לדלות לנו מהבאר מים חיים, ע"ד עבוד"ת עבוד"ה עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א
המברכים: תלמידי הישיבה
צוות הנהלת הישיבה רמ"י ומגי"ש:
שמעון יחיאל ראטה-מנהל
אלימלך לאווען, יעקב קרויס, אלי קרויס, יהושע נײמאן, יצחק נייהויזער, יונה פישער-מו"ץ, זאב ראזענבוים-חדב"ן לייבל קופטשיק (ווייס), לייבל קופטשיק (מאירוביק) נחמן כהנא חדב"ן, חיים קרויס, מרדכי הערשקאוויטש, שניאור זלמן רובינשטיין, אלחנן חיים הכהן כ"ץ,
גם אנו מצטרף: משה יצחק הערשקאוויטש
סיום טוב
ומזל טוב
יהא לנו
ולכל ישראל


בעזהשי"ת
מזלא טבא וגדיא יאה
ברגשי גיל וחדוה שהשמחה בארמונינו נביע ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מעומקא דליבא באותות אהבה וחבה, מיטב ברכותינו המאליפות, אל כבוד האי גברא רבא ויקירא, עומד בנס בהרבצת התורה, כשלמה עוטה אורה, אשר נוטע בנו אהבת תורה ויראת שמים, ועל לבו נושא כל צרכי התלמידים, מזהב ומפנינים יקרים,
ה"ה הרה"ג ר'
אלחנן חיים הכהן כ"ץ
שליט"א - ר"מ בישיבתינו הק'
לרגל הולדות בנו
מ קירות לבנו, קח נא את ברכותינו, היוצאים באהבה רבה מקרב נפשינו, ברוב טבון וקשו ט
ז כות עוצם מעשיך, ילוו את דרכיך, כל ימי חייך, לראות דורות ישרים ומבורכים לה' ולתורת ו
ל א ימושו ממך ברכה המשולשת בתורה, הבית יהי' מלא אורה, עדי נזכה לתשועת ה' בקרו ב
וכפינו פרושות כלפי שמיא קדם מרן אבוהון די בשמיא שירווה רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח ויזכה לגדלם ולחנכם לתורה ולעבודה ולירא ת שמים ע"ד ישראל סבא, ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים לדלות לנו מהבאר מים חיים, ע"ד עבוד"ת עבוד"ה עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א בראשינו בב"א
המברכים: תלמידי הישיבה
צוות הנהלת הישיבה רמ"י ומגי"ש:
שמעון יחיאל ראטה-מנהל
אלימלך לאווען, יעקב קרויס, אלי קרויס, יהושע נײמאן, יצחק נייהויזער, יונה פישער-מו"ץ, זאב ראזענבוים-חדב"ן לייבל קופטשיק (ווייס), לייבל קופטשיק (מאירוביק) נחמן כהנא חדב"ן, חיים קרויס, מרדכי הערשקאוויטש, שניאור זלמן רובינשטיין, יחזקאל הערשקאוויטש,
גם אנו מצטרף: משה יצחק הערשקאוויטש
סיום טוב
ומזל טוב
יהא לנו
ולכל ישראל


ונשמח
בדברי
תלמוד
תורתיך
לעולם
לעולם ועד!
מחבר או"ח ס' תקנ"א ס"א:
משנכנס אב
ממעטין בשמחה
פירוש רבינו הרה"ק
החוזה מלובלין זי"ע
משנכנס אב ממעטין האבלות
וכחו של הסט"א ע"י שמחה
ואין שמחה כשמחת התורה
תלמוד בבלי
עוז והדר
והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה - ע"י התמדתינו ועוסקינו בתורת ה' המשיב נפש!
כולנו!
לאומקי
שכינתא
מעפרא
ע"י
עסק
ויגעת
התורה!
מבצע
תורתי
חזרה הגדולה לחזור ולקנות
מסכת בבא בתרא
כמונח בקופסא
שע"י תלמידי ישיבה גדולה אוה"ח ד'טאהש
פקודי ה' ישרים משמחי לב!

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

דברים - תשפ"ה לפ"ק

## מיטוואך פר' מטו"מ

אינדערפרי זענען אריינגעקומען בקודש פנימה א משלחת פון עסקני 'בוני עולם' בראש פונעם מייסד ומנהל הרה"ח ר' שלמה באכנער הי"ו. דער רבי האט שטארק מחזק געווען און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

ביינאכט האט דער רבי געצינדן ליכט, און צוגעגאנגען צום עמוד צו מעריב לרגל די יארצייט פונעם זיידן הרה"ק רבי הערש נאפקאר זי"ע און דערנאך פארגעלערנט משניות.

## דאנערשטאג פר' מטו"מ

דער רבי האט געדאווענט תפלת שחרית אינעם ביהמ"ד הפרטי פון רבינו הקדוש זי"ע, אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה שיעור ג' וועלכע זענען געווען אויף א גאנצע נאכט, און איבער געחזר'ט די לימודים פונעם יאר לרגל די גרויסארטיגע חזרה. רבינו שליט"א האט געדאווענט פארן עמוד לרגל די יארצייט פונעם זיידן הרה"ק רבי הערש מ'נאפקער זי"ע. בעל קורא איז געווען החתן יצחק אייזיק קרויס ני"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ג אלחנן חיים כ"ץ שליט"א ר"מ בישיבה ונכד רביה"ק זי"ע, רבינו שליט"א האט עולה געווען לוי, שלישי הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן.

דערנאך איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די סיום המקצוע, ווי מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, רבינו שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט דברות קודש בהדרכה וחיזוק.

שפעטער איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש אינעם יום המסוגל ערב ראש חודש מוקדם, לאמירת כל ספר תהלים לפעול דבר ישועה ורחמים לנו ולכל ישראל.

## עש"ק פר' מטו"מ

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר פנחס קליין הי"ו פון מאנטריאל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שבת קודש פר' מטו"מ

שב"ק האט דער רבי געפראווועט אויף א פריוואטן פארנעם אין קאנטרי.

## זונטאג פר' דברים

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יהוסף וואלף מערמעלשטיין הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.



בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## עולו ואתכנשו בהילולא קדישא

הננו בזה להזמין את כל הקהל הקודש
אנ"ש תלמידים וחסידים לבוא ולהשתתף אצל

# סעודת הילולא

## וסיום הש"ס

לרגל היומא דהילולא קדישא של אבינו רועינו

## כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

שתתקיים בעזהשי"ת

## ביום ד' ראה, אול"י ז"ך אב

**בשעה 9:30 בערב**

בהיכל בית המדרש הגדול

**בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## עלי' לציון הקדוש

אמירת כל ספר תהלים

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**ביום ה' ראה, ז"ך אב**

בשעה 9:30 בבוקר

### זמנים לנשים

עלי' לציון לנשים יהיה
אך בשעות מיוחדות

ביום ד' משעה 10:00 בבוקר
עד 5:30 אחצ"ה

ביום ה' לא יהיה אפשרות לנשים לעלות לציון ובשעות הנ"ל לא יהיה אפשריות לאנשים לעלות לציון

### מזון וצידה

בימי ההילולא יהיה בעז"ה

סעודות, טעימה ושתי' לכל האורחים בהרחבה גדולה

ראה הזמנים מדויקים
בהודעה נפרדת

### אש"ל בישיבה

להזמין אש"ל לימי ההילולא
בבניני הישיבות נא לקרות

וועד האש"ל

514.582.6380

לעצט מינוטיגע מעלדונגען: קול איחוד טאהש

**514.500.8674 / 718.451.8674 #1-5**

בברכת פועל'ט אוים אלעם גוטס

**הנהלת הקהלה**

בס"ד

# כולל ערב

בבית מדרשו הראשון של מרן רביהקוה"ט זי"ע
ביהמ"ד אהל אלימלך ד'טאהש
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
מאנטריאל יצ"ו

בשיר ובשבחה, בכל שפת לשון והנחה, ובכל תואר של ברכה, נביע רנה ושבחה, למעלת כבוד האי גברא רבא בר הכי,

ה"ה ידידינו הרבני הנגיד הנכבד רודף צדקה וחסד

## הר"ר פנחס אליעזר פריעדמאן הי"ו

**מחשובי תומכי כולל ערב דבית מדרשינו**

אשר זיכה רבים וזכה מצוה בהידורה, לחזק ולרומם בית ה' אוזר ישראל בגבורה, להגדיל תורה ולהאדירה, בקנותו זכות

## פרנס היום

בכוללינו המפוארה

**ליום ב' דברים**

לע"נ נפש נקי וצדיק

הבה"ח כמר **משה ארי'** ע"ה בן יבלחט"א הרה"ג ר' **עקיבא יוסף** שליט"א ראבינאוויטש

היארצייט חל בו ביום – לא הניח אחריו זש"ק

נישא לבבינו אל כפים, שיברכהו ה' ויגמול בכפלי כפליים, והזכות של הרמת קרן התורה תמידין כסדרן בכל הערבים, בבית מדרשו של רבינו נשמתו במרומי שמים, יעמוד לו להתברך בברכות מלא חפניים, עדי נזכה לראות בבנין ציון וירושלים, ומלכינו בראשינו בב"א.

---

בס"ד

# ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש

קרית יואל
גמילת חסדים - התאחדות אברכים
עוזר וסומך - חברת תהלים
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## שיר השבוע

שיר של "יום" **לכבוד ידידינו הנאמן הרבני החשוב והמפואר, מחשובי מתפללי בית מדרשינו**, ה"ה

מוה"ר

## משה יוסף קליין

הי"ו

**בעבור שקנה**

## פטרון השבוע

פרשת מטו"מ

## לרגל שמחת הולדת בתו
למזל טוב

**זכה בזה חלק כחלק בזכות של תורה ועבודה וגמילת חסדים בבית מדרשינו מה טוב חלקו וזכותו!**

ויהי רצון שזכות החזקת בית מקדש מעט יעמוד לו ולזרעו אחריו, להברך בכל מיני ברכות האמורות בתורה לאורך ימים ושנים טובים, עדי נזכה להרמת קרן התורה בביאת גואלינו ומלכינו בראשינו, אמן

הנהלת ביהמ"ד

---









בשירי
דוד המלך
ספר
התהלים
השתפך
נפשו
וערך
תחנונים
ובו נשמתו
קשורה
(מתוך נוסח המצבה)

יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס

בהכנה דרבה לקראת יום ההילולא הממשמש ובא הננו בזה להודיע שיתקיים בעזהשי"ת

במשך המעת לעת
ביומא דהילולא קדישא
אצל הציון הקדוש

# משמרות לסיום כל ספר תהלים

רצופות בלי הפסק

כפי שנהג כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
וכרצון קדשו

## ואחריו מנין לאמירת י"ג מדות של רחמים

## והסדר כדלהלן:

לתועלת הציבור הרוצים להתחיל ולגמור כל סדר תהלים ברציפות ברוב עם, סדרנו שבכל שתי שעות יאמרו ביחד כל הציבור סדר היה"ר שאחר תהלים עם י"ג מדות של רחמים.

הזמנים הם לאמירת ה' ה'

בשעה 9:30 ביינאכט
בשעה 1:30 ביינאכט
בשעה 3:30 פארטאגס
בשעה 5:30 פארטאגס
בשעה 7:30 צופרי
בשעה 9:30 צופרי
**בערך בשעה 11:30 מיטאג ע"י כ"ק רבינו שליט"א**
בשעה 1:30 מיטאג
בשעה 3:30 נאכמיטאג
בשעה 5:30 נאכמיטאג
בשעה 7:30 פארנאכטס
בשעה 9:30 ביינאכט

## בקשה נחוצה

- אין לעשות מניני תפילה וכו' באוהל הק'.
- אין לקבץ נדבות בכל שטח הבית החיים, וכש"כ באוהל הקדוש כדי שלא להפריע המתפללים. (אלא במקום המיוחד לכך עלי דרך, וגם שם באופן המסודר בנחת ובשכל).
- לא לשוח ולא לדבר שיחת חולין (כידוע שרביה"ק זי"ע היה רגיל לעורר שזה יכול לעכב התפילות חלילה).
- לכבות הטעלעפאנען שלא יפריע, ובודאי שלא להוציא כלים האסורים בשו"א.

## קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו


יר"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי
טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורה שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת ואתחנן =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק דברים<br>חזון | מא. | לז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג<br>תשעה באב | מא: | לח. | חזרה | חזרה |
| מאנטאג | מב. | לח: | צד. | צ: |
| דינסטאג | מב: | לט. | צד: | צא. |
| מיטוואך | מג. | לט: | צה. | צא: |
| דאנערשטאג | מג: | מ. | צה: | צב. |
| עש"ק | מד. | מ: | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת עקב

מס' עבו"ז: כד.-מא. | מס' בבא בתרא: פא.-צא:

בס"ד

# הזמנת כבוד מיוחדת

## תָּאוּ וְאִתְכַּנְּשׁוּ לְהִלּוּלָא דְּרַבִּי

בכבוד הראוי
ובחרדת הקודש
הננו להזמין בזה מעלת
כבוד קהלא קדישא הדין
**אנ"ש חברי קהילתינו הק' די בכל אתר ואתר**

## אשר למדו וסיימו סדר הלימוד של שבעה דפים

### לעילוי נשמתו הטהורה של כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

**לגמור ביחד כל תלמוד בבלי לקראת יומא דהילולא קדישא**

לבא ולהשתתף במעמד נהדר
מלא רגשי הוד

# סעודת סיום הש"ס

אשר יתקיים ביחד עם

## השולחן הטהור סעודת הילולא קדישא רבתי

שתיערך ע"י בנו ומ"מ בקודש

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בו יזכור לנו אהבת איתן כי קדוש היום לאדונינו לעורר זכרונו
הטהור של אבינו רועינו משמים ימליץ טוב בעדינו

## ביום ד' ראה - ז"ך אב הבעל"ט

## בהיכל בית המדרש הגדול

### בקרתא דשופריא
### קרית טאהש המעטירה תע"א

קה ז"כות אבות יגן עלינו

בצפיתיינו צפינו שיתקבלו תפילותינו לרחמים ולרצון בהאי יומא רבא דקגרים, וזכות התורה וזכות אבות יגן עלינו נצח ישראל מצרותינו גאלינו, בזכותו של רבינו בעל ההילולא אשר לאור צדקתו וקדושתו נסע ונלך בצלו נחיה בגוים עדי נזכה לז"ך שוכן מעונה יקומם קהל עדת מי מנה בקרוב נהל נטעי כנה פרויים לציון ברננה, במהרה בימינו ומלכינו בראשינו, אמן.

**הנהלת חבורה ש"ס**

NUAH 845.513.0001